1781 אינטערעס, אַ קינסטלערישן און אַן אידעיִשן".

קאַראַלניק, 2, 7.

1968 " ער האָט דורך זײַן חריפֿות און בקיאות געוווּנען

1781/א זייער ייִנגלשן צוטרוי". גראַדע, 7, 86.

5. האָבן א נוצן, אַ ריווח, פּראָפּיטירן. % מיר וועלן

גאַרניט געווינען אויב מיר וועלן פֿאַרן פֿרײַער מיט א

טאָג אָדער צוויי.

1872 " ער |דער יצר=הרע| |...| פֿיל מער געווינט

1716 און מיט ווייניקער טרחות און שפּײַזן דעם מענטשן

איז באַר שחת ברענגען קען". ליכטענשטיין, 1,

דף לד - !.

1948 " מיט דעם וואס מ'האט געמאכט משה מאַשבערן פֿאַר

1716/א אויס, האָט מען ווייניק וואס געפּועלט און גאָר

ווינציק געוווּנען". נסתר, 6, 204.

1961 " אומזיסט אונדזער עקשונות... וואס האבן מיר

צו געווינען אז מ׳זעמער שוין הינטערשטעליק אין

פור 169

אזוי פיל שכירות?". ל. טרייסטער, ~~יש׳ צוקונפט~~, מערץ.

6. (עלט) פֿאַרדינען (געלט, פּרנסה).

1819 " האט מיך דער פריץ גיפרעגט: פארוואס האט איהם

גיפעהלט געלד צו דער ראטי, ער גיווינט דעך א 1802

יאם געלד אין דיא מיהליך?". פערל, 1, 27.

|| געווינען - פֿאַדי. וואָס מע האָט געווינען.

% א געווינענע מלחמה. די מאַנשאַפֿט האט צוויי

געווינענע מעטשן און איין פֿאַרשפּילטן. דאס געווינענע

געלט איז זיך גיך צעקראָכן.

1914 " דערנאָך האט ער פֿאַר די געווינענע געלט געקויפֿט

איר מתנות". בלינקין, 1, 25. 814

1968 " ביז דער ראש=ישיבֿה וועט צוריקקומען, וועט די

קאַנק מלחמה מיטן גבאי, דעם הויטשינדער, שוין זײַן אַ

געוווּנענע". <u>גראַדע, 7, 248.</u>

<u>געווינער</u> – דער, =ס. <u>וועג</u> <u>געווינערין</u>. דער/די

וואָס געווינט (אין אַלע באַטײַטן פֿון <u>געווינען I</u>).

% דער <u>געווינער</u> אין שפּרונגפֿאַרמעסט באַקומט אַ

גאָלדענעם מעדאַל.

1918 " אַז מען שפּילט אין קאָרטן, בײַט נישט אויס

1837 דער <u>געווינער</u> און לײַט ניט געלט אַ מיטשפּילער,

ווײַל מיט דעם פֿאַרערגערט ער דעם מזל". <u>עלזעט, 1, 348.</u>

1956 " דער <u>געווינער</u> נעמט אים מיט דער האָפֿערדיקייט

1834 פֿון גלײַך אַזוי דאַרף זײַן". <u>ש. ביקל, ~~זש' ארץ~~,</u> [illegible]

<u>פּסח נומער, 1, ז' 104 – I.</u>

1961 " דער פֿאַרשפּילער פֿאַרגינט ניט דעם <u>געווינער</u>".

1831 <u>שעליובסקי, 4, 72.</u>

**געווין=צונג** – **די, =ען.** דער אַקט פון אַרויסציִען די מזלדיקע צעטלען (וואס געווינען) אין אַ לאָטעריע.

1864 " די **געווין=צונגען** ווערן פריִער געצויגן,

און די בילעטן |...| זיי ווערן נאָך א מאָל אַריינגעלייגט 1870

(פור 177)

אין ראָד אַריין". ~~צ׳ קמ׳,~~ נ׳ 48, ז׳ 733.

**געווינען צייט** – **(א שעה, א וואך)** – א) האָבן מער צייט צו טאָן עפּעס. % די נסיעה איז אָפּגעלייגט געוואָרן, האָט ער **געווונען** צייט צוצוגרייטן זיך בעסער. ב) האָבן די מעגלעכקייט צו טאָן אַ געוויסע זאַך גיכער. % מיר פאָרן ניט מיט דער שיף נאָר מיט אַן עראָפּלאַן, **געווינען מיר** עטלעכע טאָג רייזע.

**געווינען (אין) וואג** - וועגן מער, צוקומען אין וואָג.

% עלטערע מענטשן סטאַרען זיך ניט צו **געווינען אין וואג**,
ווייל ס'שאַדט צום געזונט.

1975 " יענע יאָרן האָבן מיידלעך נאָך געוואָלט **געווינען**
**וואָג**". באשעוויס, 6, 237. 1691/א

**געווינען אין קראַפט** - שטאַרקער ווערן, קריגן מער השפּעה.

**געווינען די בכורה** - קריגן די אייבערהאַנט, ווערן
דער ערשטער אין עפּעס, ווערן פּריווילעגירט.

**געווינען אַן אויג/אויגן** - אין פּאַרשיידענע שפּילן:
קריגן אַן איבערוואָג איבערן פּאַרטנער.

**שור**: **דער בעסטער געווינער איז דער וואס שפּילט נישט.**

**דער ערשטער געווינער איז דער לעצטער פאַרשפּילער.**

פֿיר שפּילן און איינער געווינט.

ניטא קיין מזל אין געוווּנענע געלט.

דער איז קלוג וואס געווינט.

ווי געוווּנען, אַזוי צערונען — צו געלט וואָס איז ניט פֿאַרהאַרעוועט באַצײַט מען זיך גרינגשאַציק און מע ברענגט עס גיך אויס.

1866 " נון, לאָזט זיך אויס דער אַלטער שפּריכוואָרט: ווי געוווּנען אַזוי צערונען". דיק, 10,26.

1706

בעסער מיט אַ קלוגן צו פֿאַרשפּילן, איידער מיט אַ נאַר צו געווינען" — ס'איז תּמיד בעסער האָבן צו טאָן מיט אַ קלוגן מענטשן, מיט אים קאָן מען זיך צונויפֿ-ריידן אַפֿילו אין אַ שלעכטן פֿאַל.

א פּראצעס | וואר: א משפּט, א דין=תורה | אפילו מע געווינט.

פארשפּילט מען – ווייל ס'קאסט א סך געלט, מי און
עגמת=נפש.

ם

גיווינען.

1. ←----

1676 " קומט אויך דאש זיא צו וויילין שפילין
איטליכר וויל גיווינן און גיוויינטקליך פר שפילין 1783
זיא אל". ברנט שפיגל, פרק ח'.

3. ←----

1544 " דיא שטיט וואורדן גיוואונן אונ' מיט בויער
אויש גיבראנט". שמואל=בוך, סטראפע 259. 817

1626 " ווען ער | גאט | וויל מיט מיר במשפט אום גיין
קאן איך ניקש גווינען". ס' המגיד, 1, איוב, ט – יט. 1692

280

" דא גינגן זיא מיט אנגדר פר דש (משפט) אונ' 1735

וויא איילין שפיגל דער (שוטר) וואר זו האט ער 1827

דש (משפט) גיוואונן". איילין שפיגל, 1, 25.

<---- 4.

" ווש זי דראן גיוואנן דש זולטו אן די דין [?זין?] 1541

שטרייכן". בבא=בוך, 350, 8. 1800

" איין אידרר זאל ווישן וויא ער זאל גאט דינן 1721

// דז מיר זאלן קענן עולם הבא גיווינן". 1703

מחזור, 2, שער=בלאט".

<---- 5.

" |...| דיא לוייט שפרעכן מיט רעכט.// דער 1544

הער הוט בוב לורן גיוואונן הוט דער קנעכט". 1789

שמואל=בוך, סטראפע 1252.

1697 " אל דאז גירעט דאן איר האט דא אינן // אונ'

וואז איר האפט דראן צו גווינן". ס' משלים, 1, 815

דף מט - I.

1743 " וואש ווערשטו דא מיט גווינן דש דוא דיך

איין שליסט אין דיא מואריך פון דיא שטאט". 1747

יוסיפון, 4, דף קנד.

.6 ←----

1697 " דער קויפמאן זאגיט איך האב מיך גלייך אנדש

ביזונג // דען איך האב פיל געלט אלהיא גיוואנן". 816

ס' משלים, דף מא - II.

1723 " געלט קאן מאן ווידר גיווינן אבר דן ווארט

איז שווערליך ווידר צו ביקומן". לב טוב, 2, דף 4/I. 1698

געווינען II - טרוו: (עלט) געבוירן, האבן א קינד, גיין צו קינד.

1832 " אזוי איין איינציגי אשה אזוי אלאנגי צייט וויא
זיא איז איין עקרה גוועזן |...| האט זיא פארט גיווינן 1774
איר זון יצחק". מחזור, 2, דף טז/ב.

1875 " ער |גאט| ענטפערט צו איין מענטשן |...| אין
איין עת=צרה און ענטפערט צו דער אשה בשעת זי 1718
יצט אויף דעם בראכשטול צו געווינען איין קינד".
קב הישר, 5, 46 - II.

1941 " פנחסעס ווייב איז געווען טראגעדיק צום געווינען".
תרגום יהואש, שמואל א', ד - 19. 1761

|| געווינעכץ - דאס, =ן. (עלט) געבורט, דאס געבוירן
ווערן פון א קינד.

1911 " דאס גאנצע שטעטל האט אים געבאטן מזל=טוב 1682
פון געווינעכץ". ציגעל.

געווינערטארין – די, =ס. דזוו געווינערין.

רעד: א ספק צי ס'איז טאקע דא אזא ווארט;
אויפן קארטל איז חוץ דעם ווארט ניטא גארנישט –
ניט קיין מקור, ניט קיין אנדייטונג וועגן דעם
זאמלער.

געווינערין – זבז.

גיווינען.

" אויף הוב זיא איר אויגן אונ' זאך דען הימיל 1544
אן.// דוא זולשט מיר הער גוט העלפן דש איך גיווינן 1812
קאן". שמואל=בוך, סטראפע 20.

1610 " |...| אי |איידער| דש זיא קומן צו אינן

|צו די ייִדישע פֿרויען| די היבאמן אונ' זיא 1811

גיוואונן". טײַטש=חומש, שמות, א - יט.

1711 " אונ' פון טאג דז דיא אשה ווערט מעוברת ביז

זיא גיווינט דא ווישן ניט דיא לייט וויא גרוש 1794

דיא מעשים פון הקב"ה". נחלת צבי, 1, דף ד/ב.

|| גווינר - דער, =ס. דער וואָס געבוירט, דער באַשעפֿער.

1676 " (צור ילדך תשי) דאן אין טויטש בשעפר דיין

גווינר ער ווערט שוואך זא ער קרפט גיבט דעם 1835

רחמנות". ברנט שפיגל, פרק לח.

285 געווינערין - די, =ס. קימפעטארין, פרוי וואס
גייט צו קינד, וואס געבוירט א קינד.

1829 " דאס דאזיקע איז די לערנונג פון די געווינערין,
1856 פון וועגן איין זכר אדער פון וועגן איין נקבה".
איבש, חמשה חומשי תורה, ויקרא, יב - ז.

1881 " און עס זאל ניט געשען קיין שום שלעכטקייט
1856/א צו דער געווינערין און צו דעם קינד".
איין נייע שס תחנה.

1923 " איך בין א יתום פון געבוירן אן. מיין מאמע,
1845 די געווינערין, איז אנטגאנגען |...|".
ניימאן, 1, 52.

1957 " ער |דער דאקטאר| האט אנגעפירט מיט דער
1859 אפטיילונג פאר געווינערינס אין יידישן שפיטאל".
יזב ~~לאמושע~~, ז' 127. 11

286

0 געווינערין=הויז - דאס, ~ היַזער. שפּיטאָל

אָדער אַפּטייל אין אַ שפּיטאָל פֿאַר געווינערינס.

1943 " א פרוי האָט פֿאַרבייגייענדיק אַנגעוויזן דער

דאָקטערין אויפֿן געווינערין=הויז: - אָט דאָ בין איך 1863

געלעגן געוואָרן". נח לוריע, 5, 20.

גיווינרין.

1602 " וואש ווערשטו דא לייט זעליקייט גיפינדן ווען

דיר קומן דיין וויהן ציטרניס אז איין גיווינרן". 1850

ס' ירמיה, כב - כג.

1743 " אונ' זיא זיצט אויף די שטול פון דיא גיווינרנש".

יוסיפון, 4, כד - II. 1843

287

ג עווינעריש – אדי/אדור. (שנש) צוצ?ענדיק.

1966 % דער פרעמדער מאן האט דערזען דאס פארבליפטע

קינד און, א געווינערישן שמייכל געטון צו איר". 1862

צאנין, 1, 202.

געוו – [illegible].

ג ע ו ו י נ צ י ק ט – אַדי/אַדוו. (שנש) וואָס זײַנען (געוואָרן) ווינציק אין צאָל.

1960 "געווינציקטע אַקעגן אַ קאָמפּאַניע,// מיט נישטיקן פּלי=זײַן און מיט פּלעשער // באַשיצט איר נגבֿה". 1871

סוצקעווער, 4, 474.

ג ע ו ו י נ ק - דאס, בא. (שנש) דאָס דו'ערנדיק ווינקען
אָדער דאָס ווינקען פֿון אַ סך מענטשן.

1964 " אומזיסט גראָבן די קאַצעטלער זיער ~~קרוך~~ קליק איין
1872 וועלדל אַריַין, צו די קוסטעס, |...| גייט אַוועק
אַ געווינק, באַלד טראָגט זיך אויך אַ שושקעריַי".
י. קאַפּלאַן, 1, 214.

ג ע ו י נ ק ל – דאָס, בא. בנב. ?נ?

1925 " די שפּינערין, וואָס האָט דאָס פּלינקע שפּינדל

1874 אָפּגעלאָזט אין מיטן פֿון געווינקל". לייוויק.

רעד: ס'איז מסתמא אַ טעות, ס'דאַרף זײַן געוויקל,
מע וואָלט געדאַרפֿט אָפּזוכן די ציטאַטע, אָבער
ניטאָ אויפֿן קאַרטל מער אָנווײַזונגען, וואָס
וואָלטן געהאָלפֿן געפֿינען די שורות, חוץ דער דאַטע.

ג ע ו ו י נ ק ל ט - אדי/אדוו. (שנש?) ווינקלדיק, מיט ווינקלען.

1939 " פונעם דעק פון אזא געווינקלטער פושקעלע טרייסלט מען ארויס א קליין הייפעלע מאך". 1875

שניאור, 6, 234.

ג ע ו ו י ס – 1. אדוו. זיכער, באַשטימט, אוודאי/
בוודאי, אָן ספק/בלי ספק.

|אַנהייב XIX י"ה| " אז צאַרטל ברענגט אויס געלט טאג און
2165 נאכט,// דאס ווייס איך גאנץ געוויס". עטינגער, 282,3.

1867 " די צאַרטקע, וואָס מען האָט איר גערופן
2083 'שווארצוכע', וואָלט מען איר אין שטאָט געוויס
גערופן 'ברונעטקע' |טעקסט: בראַנעטקע|".
דיק, 27, 8.

1907 " געוויס! אבי מע זאָל זי |די דירה| נאָר איבער-
2152 שיטן מיט ציגל, |...| אַרייַנכמאַליען פיר נייַע ווענט,
|...| וועט זי שטיין און שטיין, ביז משיח וועט
קומען!". שלום=עליכם, 8א, 158.

1932 " מיר'ן געוויס געווינען. דער דייַטש וועט
1933 אויסגעמאָרעט ווערן פון הונגער". ברעגמאַן, 158,1.

1965 " ברוכים הבאים, איר זייַנט טייַער מיר געוויס.
2103 מאַלאַדאווסקי, 3, 187.

293

2. אדי, ביי סובסטאנטיוון מיטן אומבאשטימטן ארטיקל
אדער (מצ) אן ארטיקל. (וועגן עמעצן/עפּעס) וואס
איז ניט געננוי באשטימט, ניט אנגעוויזן ווער,
וואסער, וויפל. % מע האט דערציילט וועגן א
געוויסן דאקטאר, וואס היילט דווקא מיט פארשיידענע
קרייטעכער. געוויסע מענטשן פארטראגן ניט דאס
פארן מיט א שיף. א געוויסע סומע געלט גיט מען
פארויס און דאס רעשט נאכן פארענדיקן די ארבעט.
א געוויסע צייט איז ער געווען ארבעטלאז.

1881 " א געוויסער צדיק אין מיינע צייטן האט זיך
צו אים |צום שטן| גענומען גאר מיט אלע כללים". 2015
שאצקעס, 1, 99.

1917 " אַ געוויסע אַפּוטרופּסות פֿון די קולטורעלע פֿעלקער

1919 איבער די ניט=קולטורעלע איז נויטווענדיק".

זשיטלאָווסקי, 7, 189.

1934 " דער ווייַסער ברויט, דער ווייַצענער, איז טונקל

און מיט אַ געוויסן |...| בייַגעשמאַק". מין, 1, 23.

1973 " אין אַ געוויסן טאָג איז אין פֿלאָשאָווער לאַגער

2129 געקומען דער באַוווּסטער ייִדן=רעטער, דער דייַטש

קאַרל שינדלער". פֿרייַבערג, 1, 349.

3. אַדי, ביַי סובסטאַנטיוון מיטן באַשטימטן אַרטיקל אָדער

מיט אַנווייַזיקע פּראָנאָמען. וואָס איז באַקאַנט, באַוווּסט.

1873 "'ברוך משנה הבריות' - כאַפּט זיך מיר אַרויס

2126 ניט ווילנדיק פֿון מויל די געוויסע ברכה."

מענדעלע, 9, 26.

1888 " ביי הערשלען הייבט זיך אָן יענע געוויסע
קאַנק צײַט אין מענטשלעכן לעבן – די וועסנע=צײַט פֿון
דער אמונה". מענדעלע, 3, 125.

1905 "[...]דאָס געוויסע שיינע אַנטיסעמיטישע בלאַט פֿונעם
2223 געוויסן |...| אַנטיסעמיט גרושעוואַן מיטן געוויסן
שיינעם נאמען 'קעסאַראַבעץ'". שלום=עליכם,28,154.

1943 " איצט, ווען משה איז רײַך און ער האָט דאָס
קאַנק געוויסע פּריצישע הויז דערוואָרבן |...|".
נסתר, 5, 132.

4. אַדי, בײַ סובסט מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל אָדער
(מצ) אַן אַרטיקל. (עלט) זיכער.

1836 " די צייכנס |פֿון טראָגן, זײַן מעוברת| קאָן מען
1941 צעטיילן אויף געוויסע און אונגעוויסע". בערלאַנט,1,2.

|| געוויסקייט - די, בא |סטוטש 322|. זיכערקייט,
באַשטימטקייט.

0 פֿאַר געוויס - אדוו פֿר. דזוו געוויס, ב 1.

1872 " מיינען זייא פֿיליַיכט מיך פֿאַר איין הייליקן
1944 אָפּפֿער צו ברענגען און וועלן נאָך מיך פֿאַר געוויס
מיט בלומען אויך באַקרענצן". דיק, 62, 21.

געוויסער מאָסן - אדוו פֿר. (דטשמ) אין אַ געוויסער
מאָס, צום טייל.

1930 " דער גײַסט פֿון די דײַטשע פֿאַרמערס, וועלכע
2346 האָבן באַזעצט טעקסאַס, |...| שאַפֿט געוויסער מאָסן
אַן איבערגעוויכט צו די אַלט סאָוט=יחסנים".
איינהאָרן, 7, 249.

אויף געוויס - אדוו פֿר. זיכער, גאַראַנטירט. % ער האָט
צדגעזאָגט צו קומען אויף געוויס.

ם

**גיוויש.**

.1 ---->

1549 " דוא בדרפשט קיין זורג האבן דש קכן אישט גוויש".

1899 שו"ת מהרי' ווייל, ז' 8.

1679 " אונ' דא עז דיא קינדר ישראל זאכין, שפראכין

1883 זיא אונטר אננדר דאש אין גיוויז שפייז, דען זיא

וואושטין ניט ווש עז וואר". בליץ, שמות, טז - טו.

1732 " דער מענש זאל אימר אן תפילת מנחה גיווארנט

1920 זיין, ווערין גוויש זיין תפלות ובקשות אן גינעם

פר השי"י זיין".

.2 ---->

1716 " ער האט אמת גיזאגט איין גיווישר פילוסוף,

2333 עש קען קיינר רעכט דינן אן גאט |...|".

חובות הלבבות, 1, יג - ז.

" עס ווערט פֿר ענדירט איין <u>גווישר</u> שטאנד פון 1744
1972 דיא זואן, דען ווערט ביטאפילט דש שטארקי איין האלט
פון דעם אום לויף |...|". <u>בחינות עולם, דף יח - !!</u>.

.4 ←----

" דרום זאל איין מענש גידענקן אן טוט דען עז 1717
1972/א אין ניקש <u>גיווישר</u> אז דער טוט". <u>ספר החיים !!</u>,
<u>דף י"ז</u>.

<u>פאר גוויש</u> O

" הב איך דאך דז גאנצי הויז גיבויאט ווער איך 1729
2159 דאך <u>פאר גוויש</u> וואו די פר בארגני חדרים זייבן".
<u>תיקוני המועדים !</u>.

ם |געוויסהאַפטיק| ג וו י ס ה א פ ט י ג – אַדי/אַדוו.

זיכער, גאַראַנטירט.

1774 " אויטהענטיזירן – גוויסהאַפטיג מכן דארך

הנד אונ׳ זאג". חנוך לנער, דף כ׳ – ז. 2174

ג ע וו י ס ה יי ט - <u>די, בא.</u> <u>(עלט)</u> באַשטימטקייט,

זיכערקייט, וואַרהאַפטיקייט, גענויקייט; געוויסקייט.

1871 " דער שרײַבער מוז אין אײנער פאַררעדע |...|

זיך מעלדן דעם לעזער ווער ער איז און קאַווירן אים 2185

פאַר די <u>געוויסהייט</u> פון זײַן ערציילונג".

<u>דיק, 50, 3</u>.

1912 " אַ גן=עדן פון העכסטן גליק אויף דער וועלט,

וואָס נאָך אין זיך |...| די קלאָרסטע <u>געוויסהייט</u> 2184

וועגן אַן אײביקן זײַן פון דער אײגענער נשמה".

<u>זשיטלאָווסקי, 1, 183</u>.

1920 " האַסט געגנוג געזען פֿון מיר. מאַך דיך דעם ענטפֿער
אויס, ווי דו ווילסט. - איך וויל געוויסהייט". 2181
פּינסקי, 4, 169 - 170.

1973 " אמונה איז נישט אַ קאָנסטאַנטע געוויסהייט".
9 [illegible]
א. י. העשל, ~~דשי אלק~~, רה"ה=נומער. 2175

ם

## גיווישהייט.

1721 " די דאָזיגן מלאכים און' די דאזיגן ישראל מיט
גיווישהייט זי בקענן גאט ווערט קיניגן". 2183
מחזור, 2, דף נח - I.

1774 " ווערדי עכ"פ בהלברשטאט מן א"א שי' גיוויסהייט 7K
~~א~~בווארטן |...|". חנוך לעֶער, דף ז - II. 2178

ג ע ו ו י ס י ק – אַדי/אַדוו. (שנש?) באַשטימט, זיכער

|אויוו|.

1969 " איז טאַקע אויוו ווב |אוריאל ווײַנרײַכס

ווערטערבוך|אַן אמתער אוצר פֿון נעאָלאָגיזמען |...|. 2193

פֿון ד"ר ז:בירנבוים: געוויסיקער אַרטיקל |...|".

מ. שעכטער, ~~זש' גק~~, נ' 66, ז' 242.

|| געוויסיקייט – די, באַ. באַשטימטקייט, זיכערקייט.

1955 " אַז מען געדענקט נאָך די רויִקייט |...|

אין די לעצטע רגעס ביז דער רציחה איבער איר,

|...| פֿאַרשטייט מען ערשט וואָס פֿאַר אַ געוויסיקייט 2191

און זיכערקייט עס האָט געלעבט אין איר".

א. י. זאַקוסקי, 1, 81.

1957 " מיט געוויסיקייט וואָלט שלמה נישט געקאָנט זאָגן,

פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען דאָס נאָגנדיקע געפֿיל". 2188

קאָרן, 6, 153.

ג ע ו ו י ס ל ע ך - אדוו. (עלט) דזוו געוויס, ב 1.

|אנהייב אוצ"ה| "~~גווישליך~~ הערט צו וואש איך אייך

2197 זאג // צי ישראל די הייליגן זיך דרייא גאנצי טאג".

עשרת הדברות, ז׳ 43.

ם גווישליך

1610 " עז ביטייט גווישליך איף אייך גרויש ביז

2203 דש דא באלד ווערט קומן איף מצרים".

טיטש=חומש, שמות, א - טז.

1743 " איך דיא זעלביגי צייט זיין גאר פיל פאלשי

2205 (נביאים) איף גשטאנדן דיא גווישליך פון דען

פאלשן (משיח) איף גישטעלט זיין גווארן".

שארית ישראל, שף ק"ד.

304 ג ע ו י ס ן - דאָס/דער, =ס. פֿעיִקייט צו אונטערשיידן

צווישן גוטס און שלעכטס, פֿאַרבונדן מיטן געפֿיל

פֿון אחריות ניט צו טאָן עפּעס וואָס איז קעגן דער

אָנגענומענער מאָראַל (ביי ייִדן האָט מען דעם דאָזיקן

באַגריף באַצייכנט ווי "יהדות", אַרויסגערעדט "יאַנדעס"/

יאַדעס, דאָס מיינט די עטישע עיקרים פֿון ייִדישקייט).

% דאָס געוויסן לאָזט אים נישט טאָן אַזאַ עוולה.

ער וויל לעבן אין איינקלאַנג מיט זיין געוויסן.

1864 " |...| חנפֿענען, צבֿועטשען, זיך זעלבסט

פֿאַרלייקענען, זיין געוויסן, זיין הארץ, זיין שׂכל צו קאַנק

פֿאַרקויפֿן". מענדעלע, 12, 49.

1914 " איר האָט מיך געפֿרעגט, האָב איך איך געזאָגט

דאָס, וואָס מיין געוויסן און מיין פֿאַרשטאַנד האָבן 2213

מיר דיקטירט". שלום=עליכם, 36, 124.

1927 " געוויינטלעך האָט דעם סאָלדאַט, וואָס האָט

באַזעסן אַ ביסל געפֿיל און פֿאַרשטאַנד, זײַן געוויסן 2162

נישט דערלאָזט צו ווערן אַ 'בענדלדיקער', |...|

ווײַל אַזאַ איינער מיט אַ האַרץ האָט געקאָנט לײַכט

אַרײַנפֿאַלן אין |...| דעם דיסציפּלינאַרן באַטאַליאָן

פֿאַר דער מינדסטער מילדערער באַציִונג צו זײַן סאָלדאַט".

היישריק, 1, 53.

1953 " ביי די ציוויליזירטע פֿעלקער ווערט עס |...|

אַן אימהדיקער פֿאַרברעכן קעגן געזעץ און געוויסן, 2258

בשעת בײַ די ווילדע שבֿטים ווערט עס פּראַקטיצירט

בסתר". גרינבערג, 1, 4.

|| געוויסנלאָז – אַדי/אַדוו. אָן געוויסן, אוממאָראַליש.

% יענער איז אַ געוויסנלאָזער פֿאַרשוין, שטעלט זיך

ניט פֿאַר קיין עוולה, אַבי זײַנס צו דערגרייכן.

0 געוויסן=ביסן – מצ, די, געפֿיל פֿון חרטה, שולד פֿאַר

אַ באַגאַנגענער עוולה, (פֿאַר) שלעכטע מעשׂים.

1936 " און צו וואָס זאָל זי זיך שמדן? – כדי ער, א רעכטפֿאַרטיקער

קריסט, זאָל האָבן געוויסן=ביסן, אַז ער פֿירט אַ ראָמאַן 2262

מיט אַן אשת=איש?". ראַשקין 625.

∠7 האָבן א ריין (וואַר: רויִק) געוויסן – פֿילן אַז מען

איז ניט באַגאַנגען קיין שלעכטע מעשׂים.

1907 " דאָס איז געווען איינער פֿון די בעסטע קינדער

פֿונעם לאַנד, וואָס האָבן אַ וואַרעם |...| האַרץ, מיט 2212

א ריינעם געוויסן, מיט אַ הויכן אידעאַל".

שלום=עליכם, 18, 31.

1930 " דער יונגער סטאָיִקער האָט נישט געהאַט קיין

רויִק געוויסן". י. י. טרונק, 2, 361. 2217

האבן (וואר: ס'ליגט) אויפֿן געוויסן - פֿילן זיך שולדיק אין עפּעס.

... "עפּעס אויפֿן געוויסן דארף האבן די מאמע, וואס פֿירט ארויס די טאכטער אין דער וועלט אריין". 2214
פּרץ, 6, 467.

האבן עמעצן אויפֿן געוויסן - א) טראגן די אחריות פֿאר אן עוולה וואס איז עמעצן געטאן געווארן; ב) זיין שולדיק אין עמעצנס טויט.

1970 "הונדערטער ייִדן האט דער דאזיקער מנוול געהאט אויף זיין געוויסן". יזב 15, ז' 849. 2253

האבן א ביין (וואר: שווארץ) געוויסן - זיין א מענטש וואס טוט שלעכטס אן שום געפֿיל פֿון חרטה אדער שולדגעפֿיל.

308

1910 " זיי האָבן דעם אָביון באַריסן,// באַגזלט דעם

קנעכט פון זײַן לוין,// שטאַלצירט מיט אַ שוואַרצן 2225

געוויסן, // געגלאַנצט אין אַ זינדיקער קרוין".

ראָזענפעלד, 5, 79.

פרײַהייט פון געוויסן - פרײַהייט פון אַ געמיינשאַפט

אויסצופירן איר רעליגיעזן קולט אָדער ניט צו געהערן

צו קיין שום רעליגיע.

1867 " דאס הייסט וואָרע |=אמתע| ווירקלעכקייט,

אמתע טאָלעראַנץ, עכטע געוויסנס=פרײַהייט". 2300

כּל כּתבֿי,

ני' קמ, נ' 19, ז' 147 - I.

געוויסן=פּײַן האַבן - (שנש) דזוו דפּוו.

שוו: א בייז געוויסן גיט ניט קיין רו.

א בייז געוויסן איז א שלאַנג אין האַרצן.

□ גווישן.

1680 " אונ' איך ביט צו פּאַר מחילה אידר מן // דז זיך
קיינר וועלט לאזין פר דריסן // ווען איך צו צייטן 2237
אין זיינעם גווישן טעט שיסן". צוכט שפּיגל.

ג ע ו ו י ס נ ד י ק - אדי/אדוו. (נש) דזוו געוויסנהאפטיק.

310

1929 " איך וואס פאר א געפאר עס קען זיך גרינג

איינגעפינען אזא מיידל, וועט זי שטויסט זיך אן 2267

ניט אויף א געניג געוויסנדיקן מענטשן".

איבז י. מארק, 1,

1957 " גאוורילא איז געווען א פליכט געטרייער מענטש,

האט ער זיין ארבעט געטאן געוויסנדיק, זיך גוט 2265

צוגעקוקט און צו אלץ צוגעלייגט א קאפ און א האנט".

ברוסילאוו, 2, 62.

|| געוויסנדיקייט - די, בא. אייגנקייט פון זיין

געוויסנדיק.

1949 " |...| געוויסנדיקייט, פינקטלעכקייט און ארנטלעכקייט".

~~די ~~ XXXIII , ז' 216. 2268

(94 ,בוד

ג ע ו ו י ס נ ה א פ ט (י ק) - אדי/אדוו. אין הספם מיטן געוויסן, ארנטלעך, אחריותדיק, סאליד. % מע קען אים פאר א געוויסנהאפטיקן קרעמער, ער גיט אן ערלעכע וואג, באריַיסט ניט די קונים. די ארבעט האט ער אויסגעפירט געוויסנהאפטיק.

1925 " ער קוקט זיך גוט איַין צו די פלעקן, צו די קנייטשן |אויפן בילד|, וואס ער האט געוויסנהאפטיק אויסגעארבעט". י. י. זינגער, 3, 282. 2280

1935 " אויף א דורכפירן עלעקטרישע אינסטאלאציע דארף מען נעמען א געוויסנהאפטן און גוטן פאכמאן". פֿלז 151 ,2275

~~זש' פּגעז~~, נ' 3.

1959 " דער געוויסנהאפטיקער קריטיקער וועט אין דעם פאל זיך גראד ניט איַילן צו רעצענזירן דאס בוך". 2279

ניגער, 9, 86.

1866 " עס וואָלט געווען אַ יושר |...| איבערצוזעצן, 2282
וואָס די ענגלישע בלעטער שרײַבן איבער ייִדישע
גערויסנהאַפּטיקייט אין דער באַציִונג". ~~צ׳ קמ~~, נ׳ 670,44. (פֿור 177)

1913 " |...| מײַן ערלעכע נאַטור, וואָס האָט געלעבט 2285
שטרענגע אָפּנהערציקייט און גערויסנהאַפּטיקייט".
אַנ, מעשה פֿון אַ קלוגן גנבֿ, ז׳ 11.

1951 " אַט דערמאָן איך זיך אָנעם תּלמוד=תּורה=מלמד 2283
ר׳ יעקבֿ שחר — אַ תּלמיד=חכם מיט אַ הדרת=פּנים
און זעלטענער גערויסנהאַפּטיקייט". ב.צ. ריבאַק, פֿור 106
~~זב ליטע, 1~~, 1541.

313 ג ע וו י ס ע ר – דאָס/דער, =ס/=ן. פֿאַרפֿלייצונג,

דאָס צעגיסן זיך פֿון אַ סך וואַסער פֿון טײַכן נאָכן צעגיין פֿון אײַז אָדער נאָך שטאַרקע און דויערנדיקע רעגנס. % עס מאַכט זיך אַ געוויסער. דאָס געוויסער פֿאַלט אָפּ. דער טײַך איז אַרויס פֿון די ברעגן און ס'איז געוואָרן אַ געוויסער, וואָס האָט פֿאַרדעקט אַ האַלב שטעטל. מע האָט געמאַכט אַ דאַמבע צו פֿאַרמײַדן אַ געוויסער.

1844 " אבער איין צייט דער נאָך טרעפֿט זיך, דאס איין גרויס גוויסר אויספליסט, דאס וואסער וואר גרויס 2322
און שטארק". איבן פאוויר, ספורי הפלאות, ז' 1 –ב –II.

1863 " איצט איז דאָס וואַסער אָפּגעלאָפֿן און נאָר בשעת גרויס געוויסער איז דאָרטן דאָ עטוואָס וואַסער". 2310
דיק, 103.

1912 " אַזוי, למשל, האָט די עקאָנאָמישע נויט געטריבן איך בבל און מצרים גוט אַכטונג צו געבן אויף די 2340
געוויסערס פֿון זייערע טײַכן". זשיטלאָווסקי, 143,3.

1938 " ווי אזוי דער אַלמעכטיקער האָט געטאָן אָפּטיילן

די געוויסערן פֿון דער יבשה". מאַנגער, 1, 7. 2327

1952 " אָנהייב זומער: דער געוויסער פֿאַלט אָפּ, דער

דניעפּער קלײַבט זיך צוריק אַרײַן אין זײַנע ברעגן". 2331

שניאור, 12, 93.

רעד: געגעבן ספּעציעל מער ציטאַטן צוליב פֿאַרשיידענע

פֿאַרמעס פֿון מין און מערצאָל.

ג ע וו י פּ ט – אַדי/אַדוו. "(רעג, לייפּציג) ראַפּינירט,
אויסגעריבן, דורכגעטריבן" |קטוו|. 2348

.................................................................

רעד: איך דייטש איז דאָ דאָס וואָרט מיטן באַטייט
כיטרע, שאַלקהאַפּטיק. אפשר דעפון דאָס וואָרט
'געביפּט'?

.................................................................

ג ע וו י צ ל ט ז י ך – פֿאַר פֿון גוויצלען זיך.

317 ג ע ו ו י ק ל - דאָס/דער, בא. 1. (שנש) דאָס

דויערנדיקע וויקלען אָדער דאָס וויקלען (זיך) פֿון

אַ סך זאַכן.

1961 " אַ געוויקל פֿון פּאַפּירקייטן האָבן זיך געשלענגלט

זיגזאַגיש איבערן גאַנצן סופּיט". ר. פּאַלאַטניק, פֿלוי 47 2350

~~זש' היימיש~~, נ' אַפּריל=מאַי, ז' 24.

2. (שנש) אַ פּלאָנטער, אַ צונויפֿוויקלונג, געפּלעכט.

1945 " |...| פֿון נאַכטיק געוויקל צעוואַקסט זיך

געזאַנג". אויערבאַך, 3. 2356

1964 " באַלד האָט דאָס שרײַענדיקע לעבן פֿון דעם

שמאַטעס=געוויקל אַרויס זיך אַרומגענומען מיט אַ 2352

געזעמל מענטשן". י. קאַפּלאַן, 1, 44.

3. (עלט?) וויקלקינד, אַ קינד אין די וויקעלעך.

1914 " יונגערמאַן! איר זענט דאָך נאָך עפּעס גאָר=גאָר 2351

אַ געוויקל". שלום=עליכם, 36, 48.

ג ע ו י ק ל ט - פאר פון וויקלען.

ג ע ו ו י ק ס 1 – דאָס, =ן. (באַט) אַ לעבעדיקער
אָרגאַניזם (ס'רוב צוגעפּעסטיקט צום באָדן), ~~און~~
וואָס שפּײַזט זיך אָדער מיט אומאָרגאַנישע שטאָפֿן
פֿון דער לופֿט און פֿון באָדן (אַ שטייגער די גרינע
געוויקסן) אָדער מיט אָרגאַנישע שטאָפֿן פֿון טויטן
באָדן (אַ שטייגער באַקטעריעס, שוועמלעך),
חוץ פּאַראַזיטישע פֿאָרמעס, וואָס שפּײַזן זיך מיט
אָרגאַנישע שטאָפֿן פֿון לעבעדיקע אָרגאַניזמען.
% די געוויקסן אַסימילירן ~~קוילן~~ פֿון דער לופֿט.
שוועמלעך בליִען ניט, זיי זײַנען אַנבלומיקע געוויקסן.
באַקטעריעס זײַנען פּיטשינקע איינקעמערלדיקע
געוויקסן, זיי פֿאַרמערן זיך דורך פּשוטער צעטיילונג
פֿון קעמערל. יעדער געוויקס דאַרף האָבן וואַסער צום
וואַקסן גוט. די העכער אַנטוויקלטע געוויקסן

האבן וואַרצלען, שטענגלען, בלעטער און בלומען.

אייביקע גרינע גערויקסן. גערויקסן איינקעמערלדיקע,
פילקעמערלדיקע. איינגעשלעכטיקע, צווייגעשלעכטיקע
גערויקסן. אַנטשעפּיקע, קריכנדיקע, וויקלעיקע,
קלעטער=גערויקסן, קוסטיקע גערויקסן. איינטייליקע
און צווייטייליקע גערויקסן. איינייאַריקע,
צווייאַריקע, פּיליאַריקע גערויקסן. גערויקסן
קרייצבלומיקע, צלם=בלומיקע, רויזנבלומיקע,
שירעמבלומיקע, מאַטלבלומיקע, נאַכטשאַטנדיקע,
ליפּנבלומיקע, קאָרבבלומיקע. גערויקסן איינזוימענטייליקע,
צווייזוימענטייליקע. וואַסער=גערויקסן,
ווינטשטויביקע גערויקסן. אינדוסטריעלע (טעכנישע)
גערויקסן. איילגערויקסן. היילגערויקסן.

אנהייב XIX | " גאט |...| האט אונז גוגעבון דו פאר
שטאנד פון זיין באשאפונג ~~אוך~~ אונ דוא סגולות וואס
אלו דוא גוויקס האבון צוא בשטיין". אגרת בעלי חיים,
2, דף כח/1.

2422

1891 " דורך דעם אונטעראַקערן אויפֿן ווינטער ווערט
ס'רובֿ דאָס פֿעלד באַהיט פֿון ווילדע געוויקסן. 2395
וועבער, 1, 29.

1908 " אַרבעס, באָב, לינדזן זענען די נאַרהאַפֿטסטע
פֿון אַלע געוויקסן". מ. גאָטליעב, 2, 26.

1926 " זעצט אַרײַן אַ רויפּע |...|, האָדעוועט זי מיט
בלעטער פֿון דעם געוויקס, אויף וועלכן איר האָט 2382
זי געפֿונען". יאָכינסאָן, 2, 203.

1948 " געלעגן דאָס צעטראָטענע געוויקס איז אויפֿן
שליאַך". מאַרקיש, 9, 35. 2447

1972 " די וועראַנדע איז אַרומגעהאָנגען מיט גרינע
קלעטער=געוויקסן". ראָזענפֿאַרב, 1, 375. 2423

|| געוויקסיקייט – די/דאס, בא. (שנש) דאָס זײַן באַדעקט מיט אַ סך געוויקסן; באַוואַקסנקייט.

1932 "דאָס נײַע לאַנד ליגט אויסגעשפּרייט // אין געוויקסיקייט, זיסזעטיקייט,// ניט באַרירט און וואַרטנדיק". לייוויק, 5, ליד "גראַז". 2464

0 געוויקסאייל – דער, =ן. אייל וואָס ווערט אויסגעטיילט פֿון געוויקסן.

1931 " צווישן אַלע געוויקסנאיילן רעכנט זיך אַלס בעסטע שפּײַז די |?| אייל פֿון זונרויזן". 2432
סאַנדלער, 1, 4.

געוויקסן=אַנאַטאָמיע – די, בא. |סטוטש 249| בנב. ?נ?

געוויקסן=גאַרטל – דער, =ען. זאָנע פֿון געוויקסן, לויט דער הייך איבערן ים=שפּיגל און לויט דער געאָגראַפֿישער ברייט.

323

1922 "אַזוי ווי דער קלימאַט ענדערט זיך ניט נאָר
פֿון עקוואַטאָר די פּאָלן, נאָר אויך |...| ווערטיקאַל,
פֿון פֿלאַכלאנד ביז צו די בערגשפּיצן, וועלן מיר אויך
אויף די זײַטן פֿון די הויכע בערג באַגעגענען ענלעכע
<u>געוויקסן=גאַרטלען</u>". <u>איבז גאלאמב, 2, 153</u>.

<u>געוויקסן=געאָגראַפֿיע</u> - <u>די, בא</u>. באַטײַט - זען ציטאַטע. ?נ?

1922 "מיט דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון געוויקסן פֿאַרנעמט
זיך אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פֿון באָטאַניק - <u>געוויקסן</u>= 2481
<u>געאָגראַפֿיע</u>". <u>דצוו, ז׳ 153</u>.

<u>געוויקסן=ווײַן</u> - <u>דער, =ען</u> | <u>סטוטש</u> 250 | <u>בנב</u>.

**געוויקסן=ווייסבל** - דער/דאָס, באַ. אויסטייטש - זעך ציטאַטע.

1926 " דאָס טייג |פֿון דער איינגעווייקטער האַלצמאַסע| דאַרף מען אַזוי לאַנג קנעטן און וואַשן, ביז סע וועט 2484
אויפֿהערן צו ברודיקן די וואַסער. דאָס שטאָף, וואָס
איר האָט איצט באַקומען, ווערט אָנגערופֿן פֿאַפּירשטאָף
און שטעלט מיט זיך פֿאָר **געוויקסן=ווייסבל**".
יאַכינסאָן, 2, 15.

**געוויקסן=וועלט** - די, באַ. דזוו פֿלאָרע, אַלע, אַלערליי געוויקסן.

1949 " די מענטשן ווילן, אַז אַלץ פֿון דער
**געוויקסן=וועלט** זאָל זיך איינוואָרצלען און אויפֿ- 2441
בליִען אין ארץ=ישׂראל". סעגאַלאָוויטש, 10, 118.

**געוויקסן=זאָמען** - דער, מצ דז. קערן/קערנדל וואָס דינט צו פֿאַרמערן דאָס געוויקס.

געוויקסן=זאַנגע - די, =ס. דזוו געוויקסן=גאַרטל.

געוויקסן=זאַפֿט - דער, =ן |סטוטש 250|. בנב.

געוויקסן=פּוטער - די, בא. פּוטער וואָס ווערט געמאַכט ניט פֿון מילך נאָר פֿון פֿעטס פֿון געוויקסן; מאַרגאַרין.

געוויקסן=פֿעטס - דאָס, בא. פֿעטס וואָס געפֿינט זיך אין געוויסע געוויקסן.

געוויקסן=פֿרעסער - דער, =ס. אַ בעל=חי וואָס שפּײַזט זיך נאָר מיט געוויקסן. % אַ קו איז אַ געוויקסן=פֿרעסער.

געוויקסן=פֿעדעם – די, מצ. פֿעדעם וואָס ווערן געמאַכט פֿון געוויסע געוויקסן (למשל, פֿון לײַן, באַוול א"א).

?נ? געוויקסן=קיניגרײַך – דאָס, בא.|סטוטש 250|. פֿלאָרע, געוויקסן=וועלט.

?נ? געוויקסן=קעמערל – דאָס, =עך |סטוטש 241|. בנב.

?נ? געוויקסן=קענטשאַפֿט – די/דאָס, בא. דזוו באַטאַניק.

?נ? געוויקסן=קראַנקהייט – די, =ן |סטוטש 249|. קראַנקייט וואָס איז פֿאַרשפּרייט צווישן געוויסע געוויקסן.

געוויקסן=שלאָף – דער, בא. |סטוטש 249|. בנב.

**גיוויקש/גיוועקש.**

1610 " |...| דיא דא קאמן וואורציל יעקב זיא

שפרושן |=שפראצן| אונ' זיא בליאן ישראל אונ' 2443

זיא פילטן פור די יערדן גיוועקש". טײַטש=חומש,

שמות הפטורה, ישעיה כז - ו'.

1676 " |...| אונ' מן זעהט אייך שוינן לויטריך

ווייץ דרייך דא ווקשט שויך גיוויקש דער פון". 2428

ברנט שפיגל, פרק ח'.

1764 " אונ' די יהודים |...|עהרן |דעם יום=טוב סוכות|

מיט פיר ארלייא בוים גוויקש". יוסיפון, 5,3ף נ"א -II. 2411

328, (הויכער) ווּ-קס, (עלט) דאס/דער, בא. - II געוויקס

פיגור פון אַ מענטשן.

182... " איז אראפ גיקומן א יונגרמאן, זייער א
2408 פיינע אסאבע א גוויקס א בעל צורה פארטא |?|
פון ר' פנחס קארוציר". מאלאגה, 1, 231.

1895 " ער וואַר פון זייער שיינעם גערויקס".
פינקעלשטיין, 1, 10.

1918 " מען מאַכט זיך נאָך אַ ווערטל |...|; עוג מלך
2409 הבשן, אָנמערקנדיק אויף דעם הויכן געוויקס
פון באָטשאַן". עלזעט, 1, 7.

ם
גוויקס.

1626 " אזו איך זיינן אונזרי טעכטר הוך גוויקס
836 אונ' זיא זייך גילובט איך די אויגן פון דיא

ג ע ו ו י ק ס י ק – אדי/אדוו. 1. געוואַקסן,

אויסגעוואַקסן. % הויך געוויקסיק, קליין געוויקסיק.

1951 " ליטוואַקאָוו |...| איז געווען |...| קליין

געוויקסיק, אויסטערליש מאַגער". א. מוקדוני, פֿאָר 106, 2460

~~דב ליטע, 1~~, 1075.

... " די שטולן זײַנען געווען ניט אַלע גלײַך

געוויקסיק". דער טונקעלער, ~~דב ליטע, 1~~ פֿאָר 106, 1282. 2461

1968 " אַ הויך געוויקסיקער האָט בײַם אַרײַנגאַנג

געמוזט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ". נ. געלבאַרד, יזב 1,

~~אטוראצק~~, ז' 431.

2. הויך, פֿון הויכן וווּקס. % דער בחור איז אַ

געוויקסיקער, אַריבער די צוויי מעטער.

1883 " ער |דער צדיק| איז געוועזן קליין און נידעריק,

און דער הויפּטמאַן איז געוועזן זייער געוויקסיק".

מעשה נורא מהרב |...|, ז' 9.

|| גערווּיקסיקייט – די, הא. אייגנשאַפֿט פֿון זײַן

גערוויקסיק, אויסגעוואַקסן.

1948 " |...| ר׳ איסר, אָדער ווי מען האָט אים גערופֿן

2463 איך יענער צײַט׳דער גרויסער רב איסר׳ צוליב זײַן

גרויסער גאונות און אויך צוליב זײַן הויך=גערוויקסיקייט".

ז״ל ג׳אמ׳, 39 ב׳ 3 – 4, ז׳ 7.

331

ג ע וו י ק ס ן = ז ש א וו ע ר  –  דער, =ס. |סטוטש 425|

(באט) בנב.

ג ע ו י ק ס ן = ל ו י ז - די, ~ לייז.|סטוטש 247|.

(זאאל) בנב.

?נ? ג ע ו ו י ק ס נ ע ס נ ד י ק - אדי. (ווען בעלי=חיים)

וואָס עסט נאָר געוויקסן. % אַ קו איז אַ געוויקסנ=

עסנדיקע ~~חיה~~. <ג׳ל- א׳.

ג ע וו י ר ב ל – דאָס, =ען. 1. דאָס דרייענדיקע
ווירבלען(זיך).

2. האַסטיקע באַוועגונג הין און צוריק, ס'רוב געמיינט
אין אַ געשלאָסענער ליניע(קרייז).

1928 " |...| פֿאַרמישן, פֿאַרדרייען, פֿאַרפּלאָנטערן זיך
|...| אין געווירבל פֿון צוגן און באַנען". 2512
קושניראָוו, 3, 6.

1935 " אַרום אים האָבן זיך מיטגעדרייט אין געווירבל
אַלערליי ווילדע חיות: פֿוקסן, טכוירן, מאַרדערס, קאַנק
וועלף". באַשעוויס, 1, 139.

1968 " הייקל האָט |...| געוואָלט, אַז דער חדר זאָל

פֿול ווערן מיט אַ <u>געוווירבל</u> פֿון בלעטער, וואָס זאָלן

זיך דרייען און דרייען". <u>גראַדע, 7, 139</u>.

3. (<u>ספּעצ</u>) וואַסערשטראָם (אין אַ טײַך, ים), וואָס באַוועגט

זיך האַסטיק ~~און~~ אין אַ קרײַז. % דאָס קינד איז ~~אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן~~ אין דעם <u>געוווירבל</u>. ~~און~~ דערטרונקען

געוואָרן

4. (<u>פּיג</u>) פּלאָנטער, געמיש, כאַאָס.

1952 " צו נײַע שטורעמס האָט זי מער קיין כוח ניט.

און ווער ווייסט, אין וועלכן <u>געוווירבל</u> אָט דער 2515

|...| מאַן וועט זי נאָך אַרײַנשלעפּן". <u>שניאור,12,27</u>.

1954 " אויב אין דעם מלחמה=<u>געוווירבל</u> |...| וועט

דער יונגער דור זיך ניט אײַנברעכן |...|, וועלן 2517

מיר אויך עקסיסטירן". <u>יזב ~~כעלם~~, ז' 613</u>.

336

2514

1966 " איך האַרצן - א גערווירבל און אַן אויסגעמיש:
// פֿון פֿריידן און פֿון אַנוועער און פֿון בענקעניש".
האַלקין, 4, 211.

ג ע וו י ר ע ט – 1. פֿאַר און פֿאַדי/ פֿאַדוו פֿון ווירען.

2. (פֿיג) געקנייטשט, מיט קנייטשן.

1938 " דער רבֿ |...| האָט געריבן מיט דער האַנט דעם

2523 געווירעטן שטערן". י.י. זינגער, 7, 76.

1963 " ד"ר פישלזאָן האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון

2524 דעם שמאָלן אַרויסגעבאַלטן שטערן, וואָס איז געווען

געווירעט אין דער לענג און אין דער ברייט".

באשעוויס, 4, 62.

כּלל: פֿון וואַנען דאָס וואָרט „אַרויסגעבאַלטן"? ניטאָ אין

גוּר נאָר „אַרויסגעבאַלטן" נאָר „אַרויסבאַלעמן", ניט עפּעס ~~[illegible]~~

שטערן. מעגלעך טעות צוליב „אַרויסגעבולטן" (אַרויסגעבוליעט)?

338 געווירץ - דאָס, =ן, פּפּ (עלט) געווערץ, (דיאַל) געוואַרץ |?|. 1. אַ געוויקס אָדער אַ טייל זיינער (זאָמען, בלעטער א"א), וואָס ווערט אַריינגעטאָן אין שפּייזן כּדי צוצוגעבן זיי אַ ספּעציעלן טעם אָדער ריח.

% אַריינטאָן געווירצן אין מאכלים. צוריכטן, צופּראַוועווען/ פּאַרפּראַווען מאכלים מיט געווירצן · שמעקעדיקע געווירצן, שאַרפע געווירצן. פּעפּער, נעגעלעך, צימרינג און אַנדערע געווירצן פּלעגט מען אַ מאָל ברענגען פון די מיזרח=לענדער.

1829 "|...| און זייערע קעמלען האבן געטראגן געווירץ און באלזאם און לאדאנום". חמשה חומשי תורה, בראשית, לז - כה. 2532

... " נאַרד, און קראָקוס, און צינאַמאָן, ווייראָך און אַלאָע, און די בעסטע פון געווירצן". פּרץ, 14, 39. 2559

1901 " נעבן איר שטייט אַ גרויסער פּאַלומעסיק מיט |...| געפּערטע פיש, פארפראוועט מיט ציבעלעס |...| 2543 און מיט אלערליי געווירצן". שלום=עליכם, 56, 20.

339

1924 " |...| וואָס פֿאַרשפּרייט געררכן // פֿון די

776 טײַיערסטע גערוואַרצן אין דעם האַרעם ". מ.ל. האַלפּערן, 196,1.

1928 " פֿרירעגן איז געפֿאַלן אין לאַנד, ווען זיײַנע

3530 קעמלען זייַנען אַוועק, אָנגעלאָדן מיט גערווערץ און

באַלזאַם און פֿעכזאַפּט". סעקלער, 1, 100.

....................................................

רעד: איז טאַקע געווען אַזאַ דיאַלעקטישע פֿאָרמע

געוואָרץ אָדער ס'איז האַלפּערנס אַ חוזק=וואָרט?!

....................................................

1946 " |...| אָנגעהויבן צו צערײַבן אין זייערע הענט

קאַנק אַלערליי געטריקנטע געווירצן, טרוקענע שמעקבלעטער,

אויסגעדאַרטע לולבֿ=בלעטער |...|". י.י. טרונק, 87,4.

2. (פּיג) שאַרפקייט, פּיקאַנטעריע, אַראָמאַט (אין רייד,שריפט).

1888 " פון אַלע זאַכן האָט מען נישט פאַרגעסן | אין די

שמועסן | דעם עיקר - רכילות, דאָס בעסטע געווירץ, קאנק

די געשמאַקסטע בשׂמים אין איטלעכן ווײַבערשן שמועס".

מענדעלע, 3, 80.

1910 "צעשמעטערן די גלידער, אָפּווערגן דעם קאָפּ, פּלעטן

דעם מוח - דאָס זענען די זאַלץ און די געווירצן, מיט 2554

וועלכע עס זענען דורכגענומען אריהס שמועסן".

איבזץ מ. טײַטש, 1.

|| בײַגעווירץ - דאָס, =ן. צוגאָבלעך געווירץ.

1921 " ווען דער קריפּ איז נאָך יונג, ווערט ער גענוצט

אַלס אַ באַגעווירץ (פּריפּראַווע) בײַ זאַלצן אוגערקעס". 2530

קאלאדני, 1, 66.

געווירצערײַ - די, =ען. קראָם פון געווירצן | נש, פּער 13, XXIII, 90.

0 **געווירצבוים** - דער, ~ביימער|סטוטש 250|.
בוים וואס גיט ארויס א געווירץ.
1856 " די ביימער זיינען דארט געווירצביימער".
2568 דיק, 2.

**געווירץ=הענדלער** - דזוו געווירץ=קרעמער.

**געווירצוויין** - דער, =ען. |וויין איך וועלכן ס'זיינען אריינגעטאן געווירצן?|.
1936 " איך וואלט דיך אנגעטרונקען // מיט דעם
2579 געווירצווייו". איבן גראס, שיר השירים, ח - 2.

| רעד: יהואש טייטשט: מיין הרקח - פון וויין געקאכטן |
|---|

**געווירצן איל** - דער, בא. אייל איך וועלכן ס'איז אריינגעטאן געווירצן, בשמים. (עלט).

<u>געווירץ=קרעמער</u> – <u>דער, =ס.</u> דער וואָס פֿאַרקויפֿט געווירץ.

1836 " איין <u>גווירץ קרעמיר</u> איז ארום געיפארין פון
איין שטאט צו דער אנדרר". <u>לב טוב, 3, 2/97.</u> 2613

<u>געווירצראַר/געווירצרויר</u> – <u>דער, בא.</u> מין געווירץ ,

1941 " דו נעם דיר אויך |...| <u>געווירצראַר</u> צוויי
הונדערט און פֿופציק |...|". <u>תרגום יהואש,</u> 2615
<u>שמות, ל – 23.</u>

<u>ענגל=געווירץ</u> – <u>דאָס, =ן</u>| <u>סטוטש</u> 270|. <u>בנב.</u>

ם <u>גיווירץ/גווערץ/ גיוואוירץ.</u>

1610 " עז איז איין משל צו איין חכם דער דא מכט זיין
זון איין קראם פון <u>גווירץ</u> אין איין גס |...|". 2550
<u>טייטש=חומש, שמות, לב – יז?.</u>

1676 " אונ' אונזרי חכמים גילייכן אזו איין ווייב צו

2573 איינם הויז פאל מיט גיוואוירץ |...|". ברנט שפיגל, 

פרק ו'.

1711 " האלץ פון דעם וואלד לבֿנון ריין גיווערץ

2551 אונ' נעגליך מיט אלי סארטין גווערץ זייגן זיא

צו פֿר גלייכן". צאינה=וראינה, 2, דף קצ- 3.

|| גווירצונג – די. דאָס רייכערן געווירצן.

1768 " דיא גווירצונג פון דש (קטורת) זיא זאלן

2580 דעמפֿפֿן". מחזור, 3, דף מד - I.

0 גווערץ קראם.

1740 " |...| אונ' פליגן דיא ווערט מאן זיין לעבטאג

2611 ניט פינדן בייא איין גווערץ קראם". אגרת בעלי חיים.

געוו - [redacted].

<u>גיווירץ קרעמער</u>.

1723 " איין <u>גיווירץ קרעמער</u> איז אום גיצוגן פון

2571 שטאט צו שטאט". <u>לב טוב, 2, דף 2/116</u>.

?נ?	ג ע ו ו י ר צ ה אַ פּ ט  –  אַדי/אַדוּו. (דטשמ)

דזוו גערווירציק.

1877 " גרונטלעך וואַקסט דיזער נאָמען|בענצאָע| פון

2537 איינעם גערווירצהאַפּטן פּעך וואס פליסט פון דעם

בוים בענצאָע אין זאַמאַריאַ דאָרט אין אַסטאַינדיען".

דיק, 105, 18.

346

?ג?

**גע וו ירצט** – פּפּ געווערצט. 1. פֿאַדי/פֿאַדוו פֿון ווירצן.

2. צוגעריכט, פֿאַרפֿראַוועט מיט געווירץ.

1848 " די טויטי פליגין מאכין שטונקדיג און אוף בלאזין דעם גיוורעצטין אייל". חובות הלבבות 228,3. 2589

1936 " איך וועל דיר |דיך| אַנטרינקען מיט געווירצטן ווײַן, מיט זיסקייט פֿון מײַנע מילגרוימען". מחזור, 5, שיר השירים.

1945 " און קאַדע מיט פֿאַפֿריקע, און פֿאַסראַמע |...| מיט זייערע שאַרף געווירצטע און צו פֿעטע טעמים". שניאור 9, 104. 2562

3. שאַרף שמעקעדיק.

190... " פֿון די ווילדע וואַלדגעוויקסן // שלאָגן שטארק געווירצטע דופֿטן". יהואש, ליד פון די קעטסקיל=בערג". 2592

1967 " זובאַך האָט |...| געצויגן איך זיך דעם געווירצטן אַראָמאַט". קארפּינאוויטש. 2588

?ן?

4. (פיג) פיקאנט, שארף (וועגן רייד, שריפט).

1863 " ער האט געוווסט יעדע מסירה צו |...| באווירצן
2540 מיט צוקער זיסע און געווירצטע ווערטער".
איבז דיק, 1, 82.

1930 " עס איז אן אלטער וויין דריטוויזנטיאריק,
2608 // געווירצט מיט גיפט און קינס גרינעם גאל".
איינהארן, 6, 57.

ם גיווירצט/גיווערצט.

1. ←---

1687 " דו זאלשט פרישליך עשין// איך הב נון ניקש
2586 דראן פאר געשין// וואל גישמאלצן אונ' גיווירצט".
ס' המשלים, דף 3 – I.

1711 " אונ' איף דעם מזבח וואר דיא (כהנים מקרים|...|)
2587 אונ' בראכטן דרויף דאז גווערצטי קטרת".
צאינה=וראינה, 2, קצ – 3.

ג ע וו י ר צ י ק - אַדי/אַדוו. 1. באַטעמט,(ווי) מיט
גערוירצן. ./. געוווירציקע מאכלים.

1908 " בעסער פון וויינען גאָך // זיינען דעם ליבנדעס
2603 // זיסע, געוווירציקע // קושן צו טרינקען".
ראזענפעלד, 2, 149.

2. שאַרף שמעקעדיק.

1899 " גרינט און בליט דאָך אַלץ יעצט הי', שענער
2600 און געוווירציקער ווי ביי אייך אין פרילינג!".
יה"ל, 4, 46.

1908 " דער וואַלד איז געוווירציק,און גרין איז דער
2599 גאָרטן,// און פרילינג דער ווינטל - ווי פריש און
ווי קיל". ראזענפעלד, 2, 112.

געוו - [redacted].

349 1963 " די לופט איז געווירציק // און זיס אויף דער צונג". מ.מ שאַפּיר, 1, 159.

3. (פּיג) פּיקאַנט, אינטערעסאַנט (וועגן רייד א"א).

1953 " |...| ניט געבנדיק צו מאָל די אייגענע קינדער צו פֿאַרזוכן דעם רײַך געווירציקן אַנקלויב פֿון אונדזער דורותדיקער קולטור". וו. יונין, צ' טמז, VIII/2. 2598

|| געווירציקייט - די, בא. אייגנשאַפֿט אָדער מצב פֿון זײַן געווירציק.

1963 " פֿריִער האָט ער געאָטעמט מיט פֿרישע |...| אַראָמאַטן און איצט פֿילט ער אַ שווערע טערפּיקע 2602 געווירציקייט". י. פּערלאָוו, צ' פֿאַר, I/22.

ג ע וו י ר ק ט - <u>פֿאַר פֿון</u> <u>ווירקן</u>.

351

ג ע ו ו י ש ט  -  פאר פון ווישן.

352

געוועב - דאס, =ן. 1. דאס דויערניקע וועבן אדער דאס וועבן דורך א סך מאשינען, מענטשן.

2. מאטעריאל (שטאף, צייג), וואס איז א פראדוקט פון וועבן. % געוועב פון זייד, פון ליווונט. באוולנע געוועבן. איצט זיינען די געוועבן ס'רוב פון סינטעטישע פעדעם.

1864 " זייער קליידונג באשטייט אין א געוועב |...|, וואס ווערט אזוי געטראגן ווי א רוימישע טאגע". 2685

צ' קמ. נ' 37, ז' 580.

1928 " קוקט זיך אבער צו צום איבערפלעכט פון די פעדעם אין א שטיקל בומאזייע, |...| וועט איר זען, אז דארט איז דאס געוועב שוין גאר ניט אזוי איינפאך". איזרא, 1, 64. 2668

1930"|..פארלאפט דאס געוועב מיטן בלאט=צוקלאפער".

אש., 11, 266. 2666

1963 " די טישטעכער און ליילעכער האט זי אזוי
געדיכט באצערעוועט, אז ס'איז נישט איבערגעבליבן
קיין פאדעם פון פריערדיקן געוועב". באשעוויס. 259,4. 2681

3. (ביאל) א גרופע צווישן זיך פארבונדענע איינמיניקע
קעמערלעך, וואס פירן אויס די אייגענע פונקציע אין
אן ארגאניזם. % נערוון=געוועב, מוסקל=געוועב,
הויטגעוועב.

1908 " ביי אלטע לייט קלאפט ער |דער דופק| אפילו
בשעת היץ אויך שוואך, ווייל די געוועבן פון די 2623
ארטעריעס זענען שוין הארט". איבן. דער אוצר
פון געזונט |...| 4,1.

1924 " אין דאס רוב פאלן ווערט דער קראנקער ארט
אין לונג, צוזאמען מיט די באצילן, ארומגערינגלט 2676
אפריער מיט אן אנצינדלעכער געוועב". צ. שאבאד, פֿנ 151,
~~זש' פגעז~~, 1, נ' 5.

1950 " דער דאַזיקער פּולווער אַנטהאַלט אין זיך שטאַרק
גיפּטיקע שטאָפן, וועלכע ווירקן שטאַרק אויף די 2684
געוועבן". זש' פּגעז. 2, נ' 9 – 10.

4. (פּיג) צונויפשטעל פון זאַכן אין דער פאָרעם ~~פון א~~ ווי געוועבטס
~~געוועב.~~ ~~% געוועב פון שטראַלן:~~ % אויף דעם שטערן פון פּאַרעם.
פון דער זקנה זעט מען א געוועב פון קנייטשן.

... " ווי א שפּין שיקט פון זיך פעדעמלעך אַרויס
און באַשאַפט א געוועב אַרום זיך |...|" 2639
פּרץ, 13, 379.

1913 " |...| איבער ד י קעפּ פון די ייִדענע גראַזן,
און רונצלענדיק טרעפּ אין דעם העלן געוועב פון 2665
די זוניקע זאַנגען |...|". יהואש, 5, ליד "דער שטיין".

1968 " אונטער איר צאַרטער הויט ציט זיך אַזאַ דינינקער

2659 געוועב פון רויטלעך בלויע אָדערלעך". ב. טייטלבוים,

יזב ~~אטוואצק~~, ז' 668.

5. (פיג) באהעפט, געפלעכט, צוזאַמענשטעל.

1912 " |...| פונאַנדערקלייבן זיך אין דעם געוועב

2627 פון מיליאָנען דערשיינונגען. זשיטלאָווסקי, 190,2.

1928 " איך פיל ווי די לעצטע געוועבן // רייסט דער

2633 טויט שוין מיט אַליקע צייַן". פיינבערג, 1, 33.

1959 " דער רוסישער קריטיקער האט אויפגעכאַפּט דעם

קינסטלערס פאַדעם, כדי אים ווייטער צו שפּינען און

כדי אים אַריינצו־וועבן אין דעם גרויסן געוועב פון

געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן לעבן". ניגער, 368,9.

□ גיוועב.

2. ←----

1610 " ער האט דער פּילט זיא ווייז הערץ צו מאכן

2626 אליר לייא ווערק מיינשטרשפט אונ' גיוועבן מיט

בלואי זיידן אונ' מיט וואורמילן רוט אונ' מיט

גיוועבן גימאכט". טייטש=חומש, שמות, לה - לה.

1743 " אונ' אין איטליכי טיר מאכט ער איין פּאר

2688 האנג דיא וואר גיוועבן ווערק". יוסיפון,4,קכ- II.

ג ע ו ע ב ט - פֿאר פון וועבן.

אי 357 ‎ 231

ג ע וו ע ב ס - דאס, =ן. דזוו געוועב.

ציט צו ב 4:

1947 " פינצטערע פייכטע געוועבסן באטאפן די לופט".

סוצקעווער, 3, 465.

ציט צו ב 5:

1912 " |...| אקוראט אזוי איז אין דער געזעלשאפט,

אויך זי איז א געוועבס פון באציונגען, פון 2697

געזעלשאפטלעכע שייכותן". זשיטלאווסקי, 3, 163.

געוו – [redacted].

ג ע וו ע ב ע ב ץ – דאס, =ן. (פֿטמ?) דזוו געוועב.

ציט צו ב' 3:

1951 " |...| פֿון וואס פֿארא האלץ און פֿון וועלכע

2700 פֿעלן און געוועבעכצן". שניאור, 7, 93.

ג ע ו ר ע́ ג – דאס, בא. (שנש) וואָג, שווערקייט.

1919 " ווי וועלן זיי טרויערן, קינדער נאָך קליינע,

2702 נאָך ווילדע,// וואָס ברעקלען דעם טונקלען געוועג

פון מײַן שווײַגן". קוויטקאָ, 1, 17.

קאָמפּעטענץ?

ג ע ו ע ד ל י ק - דאס, בא. (נש) " שייכות=רעם"|או-ויב|

(?נ?)

רעד: די גאַנצע שטימונג [illegible] [illegible] [illegible]
און [illegible]. פֿילט [illegible] [illegible] [illegible]

361

ג ע ו ו ע ד ל י ק ט – אַדי/אַדוו. (נש) "רעלאַסיוו"|אַהוּוב|.

362 ג ע ו ו ע ז ט - פּפּ געוועסט. 1. (עלט) הילפסווערב

צו שאַפן די פריער פאַרגאַנגענע צייט פון ווערבן.

% ער איז געוועזט געגאַנגען. זיי האָבן געוועזט

געשריבן (איצט אָנגענומען: איז געהאַט געגאַנגען,

האָט געהאַט געשריבן).

1836 " זעלכי זקנים די האָבן ערשט אונזרי תפילות

רעכט מתקן געוועזט די מיר דא האָבן". לב טוב, 1/17.3. 3261

1901 " |...| וואס האָבן זיך געוועסט מיאש געווען".

אלפּס, 1, 36. 3264

1923 " ווען ער וואַלט זיך געוועזט צו איילן, וואַלט

ער דאָך מיר איצטער ניט געהאַט". הירשביין, 16,2. 2712

1948 " ס'איז אָבער נישט געווען דער פאַל, אַז ס'זאָל

אין זיין נאַטור געוועזט זיין זעלבסטהערשערישס 2716

אָדער דיקטאַטאָרישס". ~~זש' גאָס,~~ נ' 5 - 6, ז' 42.

פּערּ 44

2. אדוו.(עלט) פריער, א מאל.

1928 " האט ביי האלצמאנען געוועזט // די לבנה געפרעגט".

בראדערזאן, 7 א, 17. 2715

1957/58 " די צוויי |...| געוועזט צוגויפגעפאלענע

קלאנגען". מ. וויינרייך, ~~רב ייבל~~, ג' XLI, ז' 108.

פולק 94 א'

ם

**גיוועזט.**

3. געווען.

1648 " צו אלר ביגערונג זיין זיא אונש גיוועזט

בירייט,// מיר טעטן וואונן וואו מיר וואלטן". 2708

מגילת ווינץ.

1723 " דא האב איך גיזען אליהו הנביא אונ ער האט

גיהאט מיט זיך פיר טויזנט קעמליך דיא זיינן אלי 2714

אויף גילאדן גיוועזט". לב טוב, 2, 19 - II.

ג ע וו ע ז ט ל ט ז י ך - <u>פֿאר פֿון</u> <u>וועזטלען</u> <u>זיך</u>.

ג ע ו ו ע ז ן I - דזוו געוועז (פֿאר פֿון זבין).

||געוועזנהייט - די, בא. דאָס וואָס איז שוין געוועזן, געשען, פֿאַרגאַנגען.

1934 " |...| פֿאַרערונג פֿון דער איבערגעלעבטער

2755 געוועזנהייט". אבא גאָרדין, 1, 105.

געוועזנס - דאָס, בא. דזוו דפוו.

ג ע ו ו ע ז ן II - אדי |געוועזן. געוועזענע. געוועזענער|.

1. פריערדיק, אמאליק. דער געוועזענער פרעזידענט.
די געוועזענע פארוואלטערין פון דער שול. ער האט
זיך דערמאנט אין א געוועזן געשעעניש.

1895 " א=דא ווערט פון די נאר וואס געוועזענע
2769 באניטעס, פאקעסטניקעס און תקיפים - ניינקעלעך,
צעטרעטענע ווערעמלעך". ליניעצקי, 9, 86.

1916 " ...| מען איז דאך לעבעדיקע מענטשן, גוטע
קאנק פריינד, געוועזענע שכנים". שלום=עליכם, 21, 72.

1927 " איך זאל איר זאגן, וווּהין איר געוועזענע
2773 בארדערקע האט זיך אריינגעצויגן". לייוויק, 1, 144.

1957 " גייט דא ארום אין אונדזער קאנט איינער אן
2786 אלטער באגאמאלניק... מען זאגט, ער איז א געוועזענער
קאטארזשאן". ברוסילאוו, 2, 122.

.2 (<u>סובסטאנטיווירט</u>) דער/די וואָס איז (זײַנען)

בײַגעווען.

1913 " אויף דעם קאָנען עדות זאָגן די <u>געוועזענע</u>

אויף דער פֿאַרווײַלונג". ~~אַ' ביאליסטאקער טאג=בלאט~~, 31 א'

.22/VIII

.3 (<u>סובסטאנטיווירט</u>) דאָס וואָס איז שוין געווען,

געשען , דאָס פֿאַרגאַנגענע.

1940 " ווער וועט אונדז דערציילן |...| פֿון געשעענעם

און פֿון <u>געוועזענעם</u>". <u>קושניראָוו, 5, 91</u>. 2775

368-/ [redacted] ג ע וו ע ט - דער/דאס, =ן. אפרייד/אפמאך צווישן צוויי

אדער מער צדדים צו קריגן א באלוינונג, עווענטועל

א מאראלישע סאטיספאקציע, אויב עמעצער פון זיי וועט

קריגן די איבערהאנט אין א באשטימטן פארמעסט אדער

וועט זיך ארויסווייזן פאר גערעכט אין א וויכוח.

% האבן א געוועט . מאכן א געוועט. גיין אין

געוועט אויף... ארויסרופן אויף א געוועט.

געווינען/פארשפילן דעם געוועט. דער לערער מאכט

א געוועט, ווער פון די תלמידים וועט פריער ענדיקן

די קלאסארבעט.

1907 " איך גיי מיט אייך אין געוועט אין וויפל

איר ווילט, אז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען קאנק

אזוי צופרידן מיטןווארעמען ליכטיקן נאך=פסח, ווי

איך, מאטל פייסי דעם חזנס". שלום=עליכם, 8 א,9.

1921 " פארשווונדעט כוח אין דארפישע געוועטן,//

אין דרעסירן ווילדע פערד". קושניראוו, 1, 4. 2807

369

1968 " עס איז אָנגעגאַנגען אַ **געווועט** צווישן אונדז, יוגנטלעכע, ווער עס לייענט מער און שנעלער".

**ש. גאָלדשטיין, יזב ~~אַטוראַצק~~, ז' 23.**

|| **געווועטניק** – **דער, =עס.** (**נש**) דער געשעפֿטמאַן וואָס נעמט אָן די אײַנגעשטעלטע סומעס אין געווועט (למשל אין פֿערדגעיעגן) און צאָלט דערנאָך אויס די געווינענס (**אמ**: bookmaker).

1931 " די קופֿערטן פֿון די בוקמייקערס (**געווועטניקעס**) האָבן זיך שוין געקאַטשעט |...|". **נאַדיר, 223,5.** 2817

2802

געוועטבוך - דאס/דער, ~ ביכער|סטוטש 514|.בנב. 0

געוועטלויף - דער,=ן. פאַרמעסט ווער ס'וועט לויפן גיכער.

געוועט=לויפער - דער, =ס. ספּאָרטלער וואס פאַרמעסט זיך אין לויפן.

געוועטפערד - דאס, מצ דז. ספּעציעל טרענירט פערד אַנטייל צו נעמען אין פאַרמעסטן אין גיכן לויפן.

געוועטקאַמף - דער, =ן. פאַרמעסט צווישן צוויי אדער מער אַנטיילנעמער, ווער ס'איז שטאַרקער.

געוועטשטרייט - דער,=ן. |סטוטש 450|.דזוו דפוו.

געוועטשפּיל - די/דאס, =ן. ספּאָרטשפּיל צווישן צוויי מאַנשאַפטן.

371 סאציאליסטישער געוועט – (סאוו) פארמעט צווישן
ארבעטער אדער מאנשאפטן פון א פאבריק א/אונטערנעמונג,
אינסטיטוציע) ווער ס'וועט מער אדער בעסער פראדוצירן.

1932 " |...| איז נייטיק מיט אלע מיטלען צו אנטוויקלען
דעם סאציאליסטישן געוועט און שלאגלערי צווישן 2806
די שאכטיארן". איזראילאוויטש, 1, 91.

לויפן געוועט – לויפן גיך, ווי אין א געוועט.

1939 " זיפצעלעך און שמייכעלעך לויפן געוועט
איינער איבערן צווייטן". שניאור, 4, 31. 2801

אין וואס געוועט? – וואס וועט זיין די באלוינונג,
אויב מע וועט געווינען דעם געוועט, די דיסקוסיע.

... " אין וואס געוועט, אז עז וועט באלד אראפפאלן
פון דאך?". קאצינע, 4, 55. 2803

ג ע וו ע ט (ז י ך) – פֿאַר פֿון וועטן (זיך).

געוו - 119.

גוועטן זיך - קזוו. דזוו וועטן זיך.

1968 " מיין שוועסטער און איך האָבן זיך געוואָלט

2815 וועגן דעם יעדעס מאָל געוועטן". יזב ~~אטוואצק~~, ז' 374.

ג ע ו ע ט ש - דער. =ן. (רעג. רומ) מין מאכל גענויער בנב.

1930 " מען לייגט אריין אין א ראנדל אלע גרינוואַרגן פונעם סעזאָן: גרינע פּאסאָליעס, קאַרטאָפל, אַרבעס, פּאָמידאָרן, אויפן גרינוואַרג לייגט מען אַרויף אַן אָפּגעשאַבענעם, געמאַכטן, איבערגעוואַשענעם קאַרפּ. מען לאָזט אים קאָכן. מען קאָן אויך דעם זעלבן **געוועטש** מאַכן פון פליש". שאַפּראַן, 1, 88. 2820

?נ? ■ |געוועטשן| ג י וו ע ט ש ן - טרוו.קוועטשן.

1626 " |...| דאהרום (חרק) וואר גיוועטשט אויף

2821 מיר אירי צין". ס' המגיד, תהילים, לה - טז,

|יהואש טײַטשט: חרק - קריצן|.

ג ע  וו ע כ ט  – דאס.=ער. (דיאל) דזוו געוויכט.

377

(לאָדזש)

ג ע ו ו ע כ ט ס  –  דאס, בא. סלינע, גאָוועער. (רעג. וואַרשע?)

1939 " אַ שמאָל שנירעלע געוועכטס האָט זיך גענומען

2828 ציִען פון וולאַדעקס רעכטן מוילווינקל". פּערלע, K3, 51.

ג ע ו ר ע ל - דאס/דער, =ן. בנב.

... " מיט אַן עלטסטן אַטאַמאַן, מיט אַ טרומייטער, מיט

2829 געווער און מיט גאַהײַקעס אויף גערורעל". מאַרקיש.

רעד: אפשר דאַרף מען לייענען "געמעל"? - מ'וואָלט געדאַרפט אָפּזוכן דעם מקור, אָבער שווער - ניט אָנגעגעבן פון וועלכן ווערק, ווו, ווען.

ג ע וו ע ל ב - דאס, =ער/=ן. אַרט וווּ מע קויפֿט/ פֿאַרקויפֿט סחורות; קראָם, קלייט. % א געוועלב פֿון שפּייַז. זיי האָבן אַ גרויס געוועלב פֿון שניט=סחורה. אלע ייִדישע געוועלבער געפֿינען זיך אַרום מאַרק פּלאַץ. דאָס געוועלב איז פֿול מיט קונים.

1819 " אז דער קנעכט וועט בייא זיין גיוועלב פיר פאהרין זאל ער זיך מיט איהם דער שמיעסין |...| 2842
אונ' זאל איהם אריין בעטין אין גיוועלב אריין אויף ליקווער". פֿערל, 1, 21.

1907 " אויפֿן וועג טרעט איך אָפּ אין געוועלב, נעם אונטער דער פּאָלע א טערקיש טוך... און גיי!". 2830
פּרץ, 7, 246.

1907 " די ווייַבער ווינטשעווען זיך פֿאַרמאַגן |...| וואָס סע טרעפֿט אָן די שטאָט ווין מיט די הייַזער 2938
און מיט די געוועלבן". שלום=עליכם, 8א, 223.

1932 " אין טאג פון דער חתונה |...| האבן קרעמערינס

פארשלאסן זייער געוועלבער". י.י. זינגער, 5 א, 170. 2890

1958 " אזעלכע גרויסע, שווערע און טייערע באלעמס

סחורה, וואס זיי אליין פארוואנדלען א קליין 2881

געוועלב אין א הורטאוונעם סקלאד". ביקל, 1, 384.

2. סופיט(סטעליע, באלקן) אין דער פארעם פון א בויגן,

ארקאדע. % דאס געוועלב פון טונעל. די זאלן פון

פארצייטיקן שלאס זיינען מיט הויכע געוועלבן.

1880 " דער באלקן וואר |=איז געווען| איין געוועלב 2890

|...| און אין אים איינגעזעצט גלעזערנע קוגלען". ~~2824~~

דיק, 106.

1921 " אין רוצושטאנד ווערט די שיידוואנט |צווישן

ברוסט און בויך| אריינגערוקט אין ברוסט=חלל ~~הבג~~ // 2879

א געוועלב". איסעל, 2, 21.

1950 " |...| דערלאנגענדיק ביזן סאמע געוועלב פון

2861 דער אייל". איבן וואלאנסקי, 1, 101.

1962 " |...| אין די לאנגע טומלדיקע געוועלבזאלן

2937 מיט טישלעך |...|". מ. דלוזשנאווסקי, ~~זש' פאש~~, X/15. (כ"ט 166)

3. (עלט) צימער (ס'רוב געמיינט א קעלער=צימער)

אדער טייל פון א צימער מיט א געוועלבטן סופיט.

1866 " מיר זענען אריינגעקומען א ין א פינצטערן

2900 קעלער |...|, אנגעשטעלט מיט פעסער ווײַן. אין

איין ווינקל פון |...| געוועלב (סוואדסקליפ)

האבן מיר דערזען אן אײַזערנע טיר". ~~צ' קמ~~, ג'25, ז'391. (כ"ט 177)

1930 " עס איז אן אומהיימלעכער גערוימער געוועלב

2867 מיט שווארצע באלקנס". אש, 11, 80.

1971 " אונטערן הינטערשטן געוועלב |...| שטייען

2874 בענק און טישן פאר מתפללים |...|". גראדע, ~~צ' טמד~~, XI, 5. (כ"ט 177)

4. (אנאַט) אייבערשטער טייל פֿון שייד |פֿרויען=
געשלעכט=אָרגאַן|.

1931 " דער אייבערשטער טייל פֿון שייד ווערט
אנגערופֿן געוועלב". ~~זש' פּגעד~~ פֿור 151 נ' 4. 2929

רעד: ביי סטוטשקאָוון אין אַפּטייל אַנאַטאָמייע, 240,
ניטאָ אַזאַ טערמין.

5. (אנאַט) גרופּע פֿון בויגנפֿאַרמיקע ביינער אין דעם
פּוסטראָט.

1916 " ווען דער געוועלב איז שוין אַרונטערגעזעצט
געוואָרן, קאָן אַ פֿאַסנדער געוועלב=האַלטער 2948
פֿאַרלייכטערן דעם ווייטיק פֿון די פֿיס". מעריסאָן 1.

6. (פיג) אין פארבינדונג מיט געוויסע ווערטער
בויגנפארמיקער איבערדעק. % אונטערן געוועלב
פון די געדיכטע צווייגן איז שאטנדיק און קיל. 2946
דער בלויער געוועלב פון הימל איז אן איין וואלקנדל.
... " די נאכטנעץ פון הימל=געוועלב נעמט זיך טונקען".
סוצקעווער, 4, 70. 2946

|| געוועלבל - דאס, =עך, ערשטע פקפ אדער ביטולדיק.
א קרעמל, ארעם אין סחורה.

1921 " שוין געקומען טאג אין טומל,// שוין געעפנט
א געוועלבל". סעגאלאוויטש, 6, 38. 2993

1953 " אין פרינציפ איז ניט פאראן קיין מאראלישער
ווערט=אונטערשייד צווישן א קרעמער, וואס אפערירט 2931
מיט זיין אייגענעם געוועלבל, און א געדונגענעם
פארקויפער |...|". גרינבערג, 2, 213.

384

<u>געוועלבלטשינע</u> – די, =ס. (<u>ביטול</u>) קליין געוועלבל.

1937 " |...| אַ <u>געוועלבלטשינע</u>, אַן אָפּענע טיר אין

3001 מאַרק אַריין". <u>בורשטין, 2, 123</u>.

<u>געוועלב=צוויקל</u> – <u>דאָס, =ער</u> |<u>סטוטש</u> 113|. <u>בנב</u>.

<u>געוועלבשילד</u> – <u>דער/די, =ן</u>. אויפשריפט איבער דעם

אַריינגאַנג אין אַ געוועלב וואָס ווייַזט אָן דעם

נאָמען פון דעם געוועלב און דעם מין סחורות וואָס

מע פאַרקויפט דאָרט.

<u>געוועלבשטיין</u> – <u>דער,=ער</u> |<u>סטוטש</u> 113|. <u>בנב</u>.

<u>אויוון=געוועלב</u> – <u>דאָס, =ן</u>. בויגנפאַרמיקער, דער סופיט

אין אַן אויוון.

1932 " די ארבעט אין די דאזיקע אויוונס גייט אזוי,
אז דורכן זייטיקן לאך אין אויוון,|...| צי דורכן 2934
אויוון=געוועלב, (וואס ווערט געמאכט אזוי, אז ער זאל
זיך קענען אראפנעמען) לייגט מען אן דעם גאנצן טשוהון".
פרומין, 1, 4.

בשמים=געוועלב – קראם פון בשמים, געווירצן.

1863 " ווען מען קומט אין אפטייק אדער אין א בשמים=
געוועלב,|...| מאכט ער די ברכה 'בורא מיני בשמים'". 2932
דאנציג, 2, דף מד/א.

גאלאנטעריע=געוועלב – קראם פון גאלאנטעריע=זאכן
(העמדער, שניפסן א"א).

1968 " איך דערמאן זיך |...| דאס גאלאנטעריע=געוועלבל
|...| פיל צענדליקער סטראגאנעס – צום באדויערן, 2863
נישטא זיי מער". נ. גאלדשטיין, יזב אסטראצק, ז' 470.

<u>מאנופאקטור=געוועלב</u> - קראם פון טעקסטיל=שטאפן,
פון שניט=סחורה.

<u>פרוכטגעוועלב</u> - קראם פון פרוכטן.

1963 "זי |די היץ| האט געשמאלצן דעם אספאלט פון
2922 ברוק, |...| איבערגעציטיקט דאס אויפס אין די
<u>פרוכטגעוועלבן</u>". <u>באשעוויס, ~~צ' פאר~~, V/17</u>.

<u>צעלניק=געוועלב</u> - געוועלב פון פארשידענע קלענערע
סחורות (קנעפלעך, קעמלעך, נאדלען אע).

<u>קאלניאל=געוועלב</u> - 1. דזוו בשמים=געוועלב.
2. שפייזגעוועלב.

1970 " ר' וואלף=לייב האט זיך מפרנס געווען פון
2995 שדכנות און אויסער דעם האט ער געהאט א <u>קאלאניאל=</u>
<u>געוועלבל</u>". <u>י. פריינד, יזב ~~לאטשעוו~~, ז' 133</u>.

קעלער=געוועלב - וווינונג אין אַ קעלער מיט אַ געוועלב=
סופיט.

1924 " פדי וויציקער וויל צו האבן, האט ער איינגעטוישט
2902 זיין גרויסע וווינונג אויף דעם קעלער=געוועלבל". פלור 100,
~~יש' כאליאסטרע,~~ ז' 58.

שניטגעוועלב - דזוו מאנופאקטור=געוועלב.

1948 " פון בשמים=קלייט, פון שניטגעוועלב, אין
2903 וואלד=מסחר פארטאן |...|". סעגאלאוויטש, 12, 225.

שפייזגעוועלב - קראם פון שפייז=ארטיקלען.

1968 " שוין אין די ערשטע טעג אין נישט געווען צו
2892 באקומען קיין עסן, עס זענען פארשווונדן די פראדוקטן
פון די שפייזגעוועלבן". ד. שיף, יזב ~~אטוראצק~~, 2, 929.

שפּיצגעוועלב - |סטוטש|113. סופּיט ניט פון איין : גאנצער בויגן=ליניע נאָר פון צוויי האַלבע בויגנס, פאַראייניקט מיט די שפּיצן פון אויבן.

## ם גיוועלב/געוועלב . מה"ד: . Gewelbe

1. ←----

1588 " היידוקין האבן איין גיבראכן בייא הירש ר' עקיבה אין געוועלב". א פּעקל בריוו, ז' 58. 2928

1650 " איין טייל יהודים האבן אירה גיוועלבר און קרעם |...| מיט אליר לייא סחורות צו פר קויפן". דרכי ציון. 2900

[סוף XVII י"ח.] " דער לעטשטי ר' וואלף גיט אום אלי יום אין זיין גיוועלב, טראגט אים ארויש וואש ער זיכט אונ' וואש ער ניט זיכט". |מגת גליקל האמילן| זכרונות, ז' 218. 2834

1732 ״ |...| הוט |...| האש |=דאס פייער| גישפרונגען

2927 עד כי הגיע לרחוב היהודים מיינשט אירה גרועלבר
האבן״. אגרת שלמה, דף כ/א.

2. ←---

... ״ הטפחות - דש גרוילבא״. רייכלין 8, מלכים א׳, ז-ט.
2854 |תי: געזימס|.

״ דיא ווייביר אויבן אין דער שול האבין גימיינט
2918 דאז דאז גנצי גיוועלב ווערט איין ברעכין אונ׳
אויף איינין פאלין״. זכרונות מרת גליקל האמיל, ז׳ 325.

1743 ״ אונ זא איבר אין איין גוועלב גבואיט אויף פיר
2915 פילארן״. שארית ישראל, דף נו׳.

390

ג ע ו ו ע ל ב ו נ ג – די, =ען. 1. דזוו געוועלב,

ב׳ 2 |סטוטש| 113.

1958 " |...| איז א בלינדער תימנער |...| אריבערגעטראַטן

|...| ס׳געסל און פֿאַרשוווּנדן אין א שמאָלער, 2958

טונקעלער געוועלבונג". סוצקעווער, ~~זש׳גק~~, ג׳32, ז׳58.

(פֿור 38)

2. דזוו געוועלב, ב 3.

1959 " ערגעץ דאָרט אין קעלערן און געוועלבונגען

(פֿלי 155)

זענען געלעגן אוצרות". י. ווארשאַווסקי, ~~צ׳ פֿאר~~, ‏VI/27. 2955

3. פֿאַרטיפֿונג, וואס די אייבערשטע טייל אירע איז

בויגנפֿאַרמיק, ווי א געוועלב(ב 2); נישע.

1973 " זייַנע אויגן |...| האָבן זיך גענומען ארויסהייבן

פֿון זייער געוועלבונג". ראָזענפֿארב, 3, 221. 2953

1973 " אין דער רויטער, ציגלנער קירכע=מויער האָט זיך

געפֿינען א פֿלאַכע געוועלבונג, פֿון וועלכער א |...|

מאַטקע באַסקע האָט אראָפּגעקוקט". דצוו, ז׳ 89. 2951

ג ע ו ו ע ל ב ט — 4. פֿאַר פֿון וועלבן.

ג ע ו ו ע ל ב ט — 2. אַדי/אַדוו. 1. וואָס דער סופּיט (סטעליע) איז אַ געוועלב (ב 2) . % געוועלבטע קאָרידאָרן. דאָס קול פֿון חזן קלינגט אָפּ שטאַרק אין דער אַלטער געוועלבטער שול.

1928 " ס'איז מײַן חדר געוועלבט און דערהויבן".
2976 פֿײַנבערג, 83,1.

1930 " דער זאַל, אַ געוועלבטער, אונטערגעשפּאַרט מיט
2969 קאָלאָנעס". אָפּאַטאָשו, 15, 290.

1957 " אַט שלאָפֿט מען שוין די באַהאַלטענע ייִדן
2961 געמאַטערט צו ווערן אין די שרעקלעכע געוועלבטע קלויסטער=קאַמערן". ברוסילאָוו, 1, 111.

3. וואָס זעט אויס ווי אַ געוועלב ( ב 2 ), בויגנפֿאָרמיק פֿון אויבן. % געוועלבטער טויער.

... " די זון קריכט אַראָפּ פֿון די שפּיצן ביימער,
2962 דאָרט בײַם ראַנד פֿונעם האַלב קײַלעכיק געוועלבטן הימל". מענדעלע, 6,26.

1930 " נעם די שליסלען און שלאָס אויף די געוועלבטע

2967 טירן פון דיינע קעלערן". שומיאַטשער, 1, 152.

1949 " |...| דורכגייענדיק דעם אלטן געוועלבטן

2979 איינגאַנג". שניאור, 11, 67.

1968 " בלויז זיין הויכער געוועלבטער שטערן האָט

קאנק געלויכטן". גראַדע, 7, 57.

|| געוועלבטקייט - די, בא. אייגנקייט אָדער מצב

פון זיין געוועלבט.

1973 " זיי [די קופּאָלן] האָבן האַרמאָניש זיך אַריינגעפּאַסט

2982 אין דער געוועלבטקייט פון הימל". ראָזענפּאַרב, 3, 245.

געווּעלביק - אַדי/אַדוו. (שנש) אַזוי ווי געווּעלבט,ב 2.

... " שמאַלע געווּעלביקע טירן |...| פּירן פון דער
גאַס אין פּינצטערע געווּעלבטע קאַרידאָרן". 2986
קאַציזנע, 3, 11.

"דער הויכער געווּעלכיקער שטערן איז געווען |...|
ווי צוגעשטוקעווּעט". דצוו, ז' 121. 2987

גיוועלבט.

1716 " אונ' ער האָט דאַש הויז |...| אונ' ער
בידעקט דאַש הויז גיהימילט, בלומר גיוועלבט". 2964
ס' המגיד, 3, מלכים א, דף פח - ד.

394.

ג ע וו ע ל ב ן I - טרנז. (עלט) באדעקן, איבערדעקן,

לייגן א דאַך (סופּיט) ווי א געוועלב (ב 2).

1832 " איבר דעם הימל האט ער גמאכט אז איין טייך

3005 וואשר דיא הימל האט ער געוועלבט איבר דר ערד".

מחזור, 2, דף מ/ב.

געוועלבן זיך - אומוו. (שנש) ליגן ווי א געוועלב (ב 2).

1938 " געוועלבט זיך איבער מיר דער דאַך,// דער

3006 אלטער טעמפּלטרוים". ליעסין, 3, 218.

ם

גיוועלבן.

1610 " און ער בויאט דש הויז אונ' ער פולענדט עז אונ'

3003 ער גיוועלבט דש הויש גיוועלב צעדרון הולץ".

טייטש=חומש, שמות (הפטורה מלכים א' ו - ט)

?נ? ג ע ו ר ע ל ב ן II - אוטוו. (שנש) האלטן א געוועלב, א קראם, האנדלען.

1937 " סמאלין איז קיין שטאט. אדער מען געוועלבט, אדער מען סעדלט, אדער מען קינדלט". בורשטין,44.2. 3004

ג עוו עלבניק – דער, =עס. בעל=הבית פון א
געוועלב (קראם), קרעמער.

1912 " דער געוועלבניק האט ארויסגעלייגט די וולאטשקע
3012 אויפן לאדנדל פארן געוועלב". ווייסענבערג, 4, 67.

1954 " געוועלבניקעס האבן אויך מיטגעברענגט פעטע
3009 העריגג". דעמבלין, 4, 42.

397 גוועלבער - דער, =ס, ווע געוועלבערין.

בעל=הבית פון א געוועלב (קראם), קרעמער.

1864 " איז אויך מותר צו זאגן צו איין (חנוני)

3025 געוועלבער |...| ער זאל געבן פאר זיין משרת עכו"ם

צו עסן און ער ווערט באצאלן דערנאך |...|".

ברודא, 1, דף עד - II.

1939 " א געוועלבער האט נישט געלייזט פאר סחורה א

3020 גאנצע וואך |...|". אפשאן, 1, 6.

1974 " דער געוועלבער האט זי געטריבן |...|, זי וועט

3024 פארשיווע מאכן זיין כאטע". [illegible], 2, 170.

---

רעד: איך מיין, אז ס'איז א רעגיאנאל ווארט

(גאליציע, קארפאטארוס: ברודא - פון אונגוואר;

אפשאן - פון סיגעט; פון ניט אנגעגעבענע ציטאטן:

זילבערבוש - פון זאלעשטשיקי, ספר מקור הברכה - מונקאטש,

מאהלער - סאנץ אאז"וו).

398

||געוועלבערין - די, =ס. בעל=הביתטע פון א געוועלב,

קרעמערין.

1937 " עלקע איז שטאלץ וואס זי איז ענדלעך אויך געווארן

מיט לייטן גלייך: א געוועלבערין. פארט זי איין און 3028

צוויי מאל א וואך אין שטאט איינקויפן סחורה פאר

איר געוועלב". האראנטשיק, 5, 287.

?ג? ג ע ו ו ע ל ג ע ר – דאָס, בא. |סטוטש 201|

דאָס וועלגערן לאַנג, אַ סך.

399/1



ג ע וו ע ל ג ע ר ט – 1. פֿאַר פֿון וועלגערן.

2. אַדי. (שגל) געהרגעט בעת אַן אַקציע |פּער 90 .XVIII ,88|.

גע וו ע ל ד - דאס, בא. (חומש=טייטש?עלט?)

ווילד פֿארוואקסענער ברעג פֿון טייך.

1941 " און ביסטו זיכער אין לאַנד פֿון פֿריד, ווי

ווערסטו אָבער טאָן אין דעם געוועלד פֿון ירדן? 3035

טייטש פֿון "בגאון הירדן". תרגום יהואש,

ירמיה יב - 5.

?נג   ג ע ו ו ע ל ד ע ר - דאס, בא. (שנש) בנב.

1959 " וועלדער=געוועלדער איף ווענט און איף

3037 סקאלעס". מ. דייטש, 2, 297.

רעד: כ׳מיין ס׳איז סתם א גראם=קאפּריז(איידל גערעדט)
פון פּאעט, אַן באטייט...

געוו - [redacted].

ג ע ו ו ע ל ט ! - (דיאל, ליטע) דזוו געוואלט,

פאר פון וועלן, ([illegible]).

ג ע ו ו ע״ל ט !! - פאר פון וועלן (מילך).

404

ג ע וו ע ל ט II - דער/דאס, בא. (שנש) געוועלטיקונג,

הערשאפט, אייבערמאכט.

1948 " זיין נאבל בלוט, וואס איז בארו פן צו געוועלט,

3042 באגייסטערט ניט |...|". מארקיש, 9, 38.

ם|געוועלטונג| ג י וו ע ל ט ו נ ג / ג וו ע ל ט ו נ ג -

די געוועלטיקונג, הערשאפט, אייבערמאכט.

1711 " אונ' זיין |פון דעם מלך פון בבל| ג־יוועלטונג

3043 האט ןעלן אב גיטאן ווערדן". צאינה וראינה,2,דף קפ־ז.

1743 " אונ' ןיא האבן דיא גוועלטונג איבר דז פאלק

3044 פון גאט". יוסיפון, 4, דף עח.

גע ווע לט יק - אַדוו. (עלט?) ווי אַ הערשער,

הערשעריש.

1948 "צו איר אין שטוב אַרײַנגעריסן זיך דער אומגליק

3052 האָט,// אַ ווײַז געטאָן געוועלטיק אויף איר טאַכטער|...|".

מאַרקיש, 9, 61.

3050 גאָטעניו, עס איז דײַן וועלט געוועלטיק! - פּויל, בנב.

........................................................................

רעד: אויפֿן קאַרטל איז נאָר אָנגעגעבן "דב סדן, ישראל=
שטימע, י"ב ניסן תשכ"ד". אָבער כ'בין מסופּק צי דער
"געוועלטיק" פֿון דעם ווערטל (איך פֿאַרשטיי ניט דעם
מיין) האָט אַ שייכות אַהער. ש. פּ.

........................................................................

ם

גיוועלטיג.

1534 " נון ווש דער הערציג יואב גיוועלטיג אין דעם

היר.// אונטר אל ישראל בור שטיש אין נימנט מיר". 3051

שמואל=בוך. סטראפע 1666.

... " ער מכט אין גיוועלטיג איביר אל זיין קוניגריין".

מגילה=ליד. ש' 279. 3046

1610 " אונ' נימנט אישט גיוועלטיק אין זיינר אכפרקייט

אם טאג דאש טוט". טייטש=חומש, קהלת. ח - ח. 3049

ג ע ו ו ע ל ט י ק ו נ ג  -  די/דאס, באַ, הערשאַפט,

דאַמינירונג, מאַכט, אייבערמאַכט, ממשלה.

1885 " גאָט האָט ניט געגעבן קיין געוועלטיקונג

3056 צו קיין באַשעפעניש, ער זאָל קענען אויפהאלטן דעם

ווינט, ער זאָל ניט ווייען". מחזור, 3, 113.

1941 " |...| דאָס גרעסערע ליכט פאַר דער געוועלטיקונג

3054 (61) פון טאָג". תרגום יהואש, בראשית, א - 16.

ם

גיוועלטיגונג/גיוואלטיגונג.

1626 " (המשל) דאש גיוועלטיגונג דאש איז דר מלאך

3054 מיכאל (ופחד) אונ' די פורכט, דאש איז גבריאל |...|".

ס' המגיד, איוב, כה - ב.

1764 " אונ' הט די גוועלטיגונג געבן אין איר האנד

3053 אונ' איך האנט פון אשור אונ' פרס". יוסיפון, 5, קל - II.

409

ג ע וו ע ל ט י ק ט – פֿאר <u>פון</u> <u>געוועלטיקן</u>.

410

ג ע ו ו ע ל ט י ק י י ט – די, בא. (עלט) הערשאפט, רעגירונג, מאכט, ממשלה.

1843 " אונ' די צייט איז גקומען אז ד5 (מלכות פון בבל) האט זעלן פר לארן ווערן אונ' אירי גיוועלטיקייט 3067
האט זעלן אפ גיטאן ווערן פון זייא". ר' אהרן מטריבוש, דף ב – ז.

1875 " דאס האט זיך דיר געטראפן, ווייל די ביזסט געגאנגען צו דעם רוח ביי נאכט |...|, ביי נאכט 3068
איז די געוועלטיקייט פון די חיצונים". קב הישר, 5, 262 – ז.

1941 " ניט געווען א זאך אין זיין הויז און אין זיין גאנצער געוועלטיקייט, וואס חזקיהו האט זיי 3069
ניט געוויזן". תרגום יהואש, מלכים ב', כ – 13.

1956 " פון זיין געוועלטיקייט דער גייסט – זאל זיין די פעסט!". מארקיש, 11, 320. 3070

ם

## גיוועלטיקייט.

1626 " אונ' צו דעם דער איבג לעבט האב איך מיין

שבח געבן, אונ' האב אין בישינט דז זיין גיוועלטיקייט 3064

איז אויף איבג". ס' המגיד, 1, דניאל, ד - ו'.

1716 " דען דיא גיוועלטיקייט פון אלע זאכן שטין

אין דיא מאכט פון דען בישעפר גילובט איז ער". 3074

חובות הלבבות, 1, דף צט - II.

ם[געוועלטיקלער] ג י ו ע ל ט י ק ל י ך - אדי/אדון.

געוואלדיק, זייער שטארק, זייער א סך.

1644 " וואל בולגטן דוד זיינא ווערדן מאן.// דער

שווייש גיוועלטיקליכן דורך דיא רינג ראן". 3078

שמואל=בוך, סטראפע 445.

1711 " אונ' זיא נאם דען בריף אונ' לייאנט אים אונ'

צו רייסט ווידר איר קליידר, דרום דאש דער 3077

אזו גיוועלטיגליך אויף איר גיביט". צאינה וראינה,

2, דף קפא - 4.

ג ע וו ע ל ט י ק ן - אוטוו. 1. הערשן, באהערשן,
האבן די מאכט/די איבערמאכט, דאמינירן, בעל=
הביתעווען. % געוועלטיקן איבער/אויף עמעצן/עפעס.
די רוימער האבן געוועלטיקט איבער א סך פעלקער.
דער דיקטאטאר געוועלטיקט מיט טעראר.

1805 " |...| די צייט איז קורץ הענדיג צום העלפין
און צו גוועלטיגין איבר מייני ווייא טאג אלש 3105
זיא אפ צו טואן פון מיר". איבז, פאוויר, 1, כ"ו - ז.

1864 " אוודאי זענט איר די חכמים, אז איר, מאנצבילן,
געוועלטיקט און האלט די ווייבער נעבעך אין אייערע קאנק
הענט!". מענדעלע, 77,12.

1912 " די בעל=בתים |...| געוועלטיקן, און די
ארבעטער ליגן ניין קלאפטער אין דער ערד". 3147
זשיטלאווסקי, 4, 60.

1930–1926 " דאס גאנצע גן=עדן איז ארומגערינגלט מיט

3135 רייטוועגן פון די צדיקים, און משיח געוועלטיקט

איבער זיי". אפּאטאשו, 10, 50.

1964 " |...| די לבנה וואס איז באשאפן געווארן צו

3115 געוועלטיקן איבער דער נאכט, און די זון |...|

צו געוועלטיקן איבער דעם טאג". י. קאפלאן, 1, 230.

2. (פיג) אויסשפרייטן זיך, ארומנעמען.

1881 " אין אונדזערע קינדער זאל ניט געוועלטיקן

3140 דאס קראנקייט וואס הייסט אסכרה, וואס קומט

פארדארבן די קליינע קינדער". אנ, איין נייע

שם תחנה.

... " א קילע שטילקייט לאזט זיך אראפּ און געוועלטיקט

3085 |...| אויף דער ערד". שלום=עליכם, 35, 26.

|יידישע שרייבער|.

1947 " מידקייט און אַפּהענטיקייט האָבן גענומען

גערוועלטיקן אין די אַרבעטער=רײַען". יזב ~~שטיינסטאַבאָו~~, 8 3083

ז' 128.

גערוועלטיקן מיט א שטאַרקער האַנט (וואָר: מיט אַן
אײַזערנער האַנט, ביד חזקה, ביד רמה) – הערשן
דיקטאַטאָריש.

ם גיוועלטיגן, מה"ד: gewaltigen.

1. ←---

1544 " דער ווערט היישן סנחריב גיוועלטיג אויבר אל.
ווען ער קומט געגן ירושלים זוא ווערט ער דען צו

.40

416 גוועלטיקער - דער, =ס. הערשער, מאַכטהאָבער, מושל.

1823 " און׳ איין גוועלטיקער דארף דאך צו זעהין אז זייני אונטר טאנען |...| זאלין האבין זייערי בדערפֿניש". איליער, 1, 202. 3159

1872 " ער איז געווען איין נשיא, דאָס הייסט איין גענועלטיקער איבער יידן". צאינה=וראינה, 3, תולדות. 3165

1939 " |...| געוואָרן געוועלטיקערס איבערן פֿירענגלישן האלבאינדזל אויך". מ. ווייַנרייַך, 4, 144. 3171

1956 " ער האָט איך צוטרוי און איך חן זיך איַנגעקויפט בײַ די געוועלטיקערס די נײַע". מארקיש, 10, 261. 3175

417

געור - [redacted].

|| **געוועלטיקעריי** - דאס, בא. (פּעיא) דאס געוועלטיקן,

בעל=הבתעווען צו פֿיל, שלעכט.

1964 " א גוטע העלפּט פֿון מיינע יסורים און קלעמעניש

זיינען געקומען פֿון מיין געוועלטיקעריי". 3179

פּער 166

א. גארדין, ~~דש' פּא"ש~~, VII /15.

ם **גיוועלטיגער.**

1626 " ער האט אין גיזעצט פֿר איין הר איבר זיינום

הויז אונ' איין גיוועלטיגר איבר אל זיין קויף". 3168

ס' המגיד, 1, תהילים, קה - כא.

1743 " אונ' אין שומרון וואר איין הער איין גוועלטיגר".

יוסיפון, 4, ע - II. 3173

ג ע װ ע ל ט ע  מ אַ ל ט ײ – <u>די. בא.</u> מין הײלזאַלב

(לאַטײניש: *Unguentum Althaeae*).

<u>שם ראמאן. רומעניע</u>.

ג ע ו ו ע ל ט ע ר - דער, =ס. (שנש) געוועלטיקער,
הערשער.

1925 " טאַטע האַר, געוועלטער מײַנער, // בליק אַרײַן
3185 דאָך אין מײַן זעל". פּרעגער, 1, 163.

1959 " געזעץ פֿונעם העכסטן |...| געוועלטער".
3186 מ. דײַטש, 2, 308.

ג ע וו ע ל ק ן- דאָס/דער. באַ. (שנש) דאָס דויערנדיקע

וועלקן, דאס וועלקן פֿון אַ סך בלעטער, בלומען.

1935 " איבערן סטעפּ האט דער גאָלדיקער געוועלק

זיך איבערגעגאָסן מיט אַשיקער גרויקייט!! 3188

... " און קומט די שעה פֿון געוועלק און צעפֿאַל,//

|...| זוך מיך אין דופֿטיקן שטויב". 3189

|א. שמרי? לעיעלעס?| .

ם |געוועלק| ג וו י ל ק ה – דאס, בא. די וואַלקנס, [illegible] – ג'ץ

אַ סך וואַלקנס.

1748 " אזו וויל ער |גאָט| איין רעגן בויגן שטעלן אין

גווילק צו גידענקן דאש ער זיין ווארט האלט". 427

סידור תפילות , דף קעב – I.

ג ע וו ע ל ק ט – פֿאַר פֿון וועלקן.

געוו -

ם |געוועלקט|| ג וו י ל ק ט - אדי/אדוו. פאַרוואַלקנט,

מיט וואַלקנס.

1626 " אונ' גוטש וואונדר דז צו צייטן ווען דער הימל

אפילו איז איטל פלעקליך אונ' גווילק אונ' שטעלט זיך 428

צום רעגן |...|". ס' המגיד, 1, איוב, לז - כב.

ג ע וו ע ן - פּפּ געוועזן. 1. פֿאַר פֿון זעלבשטענדיקן
ווערב זײַן (אין אַלע באַטײַטן), צווייטער טייל אין
דער פֿאָרמע פֿון דער פֿאַרגאַנגענער צײַט: איז געוועזן/
געוועזן. % ער איז אַ מאָל געוועזן אַ לערער.
זיי זײַנען אַלע געווען פֿעיִקע. זי איז דאָ פֿריִער
געווען אָבער שוין אוועקגעגאַנגען. די באַגעגעניש
איז געווען נעכטן, נישט הײַנט.

1819 " וואס אמאהל איז גיוועזין דאס אייגענע וועט
2748 טאקו ווידר זיין". איבן לעפין, 2, קהלת. א - 9.

1864 " איך בין דענסטמאָל געווען אויף דעם זיבעטן
קאנק הימל פֿאַר פֿרייד". מענדעלע, 12, 116.

1911 " האט די געליבטע כלה דעם בריוו געקריגן, איז
2749 זי אנטציקט געוועזן". ווײַסנבערג, 2, 84.

1975 " כ'בין אליין געווען אויף די תנאים, כ'האב
קאנק געטאַנצט אויף דער חתונה". באַשעוויס, 6, 107.

425 2. פֿאַר פֿון הילפֿסווערב 'זײַן' אין באַדינג=שטייגער
פֿון ווערבן. % ער וואָלט געווען געקומען באַצײַטנס,
וועט ס'וואָלט געווען אַ גוטע קאָמוניקאַציע.

1873 " איך וואָלט מיך געווען גליקלעך געשעצט, ווען
ער זאָל אויף מיר ברוגז ווערן". מענדעלע, 1, קאַנק
קאַנק 195620.

1907 " אויף שווימען, ווײַס איך, אַז איך וואָלט געווען,
א בריה". שלום=עליכם, 29, 225. קאַנק

1935 " פאַר טאָג איז ער |דער הימל| רויט צעגליט,

קאנק ווי ער וואָלט געווען אייטל פייער". באַשעוויס. 1.

144. קאנק.

1968 " מרחיק זיין דעם פּאָלטאַוער וואָלט געווען

קאנק אַ היזק פֿאַר דער ישיבה". גראַדע, 7, 291.

3. פֿאַר פֿון הילפסווערב 'זיין' אין געמישטן שטייגער

פון ווערבן, פּצ. % ער זאָל געווען געוויסן,

אַז דער זינגער איז אַזאַ גוטער, וואָלט ער געוויס

געקומען.

1888 " ווען אַזאַ גדליה=הערש זאָל געווען אַנשפּאַרן

קאנק אין פּאַריז, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד".

מענדעלע, 3, 7.

1939 " האָט ער זיך פֿאַרטשעפּעט און שיער=שיער ניט

קאנק אומגעפֿאַלן, ווען ניט אַ באַענטער דינער זאָל

אים ניט געווען אונטערכאַפּן". נסתר, 5, 313.

4. פאר פון הילפסווערב 'זיין' אין פץ פון פעריפראסטישע
ווערבן מיט העברעיִזמען ווי דאס הויפטווארט.

% ער האט אים מוחל געווען. די גנבים האבן זיך
מודה געווען. איך האב אים מקנא געווען.

1873 " ווער האט דען נישט נהנה געווען און פון
קאנק מיר נישט אפגעלעקט א ביינדל?". מענדעלע, 1.
קאנק 145590.

1907 " איך האב מיך מחיה געווען, אז איך האב דערהערט
קאנק דאס נייעס". שלום=עליכם, 99,29.

1939 " דארטן האבן זיי |...| מיט א הויך קול זיך
קאנק מתוודא געווען אויף זייערע זינד". באשעוויס, 157,1.

1968 " ר' צמח איז דער ערשטער אוועק פון נאווארעדאק
קאנק און עובר געווען אויף זיין צוזאג". גראדע, 289,7.

פארגעסן, ווי ניט געווען – ווערט געזאגט ווען
מע פארגעסט עפּעס אין גאנצן.

וואס געווען איז געווען – שוין וואס מיינט, אז ס'איז
ניטא קיין צוריקקער צום אמאל, מע דארף זיך
רעכענען נאר מיט דעם רעאלן.

איך בין שוין געווען יונג, דו ביסט נאך נישט געווען
אלט – פּרול, אזוי ענטפּערט אן עלטערער מענטש,
ווען א יינגערער גיט אים עצות, אנווייזונגען.

ס ← ---- .1

1626 " |...| צו אים |צו גאט| זיין מיר גיוועזן
נאך אייער |איידער| מיר זיין אויף דעם עולם 2742
גיוועזן". ס' המגיד, 1, תהילים, ק – ד.

1716 " דען איך בין גיוועזן אז איין אום גיווינט
קלב אונ' דרום האב איך גזינדיגט". ס'המגיד, 3, 2753
ירמיה, לא – יח.

429

געוו - [redacted].

ג ע וו ע נ ד ז ל ט - אדי/אדוו. פּפּ געוויאַנדזלט.
קאַנסערווירט (שפּייַז) דורך וועגדזלען (רייכערן,
צורייכערן). % געווענדזלטע פליייש, פיש.

1965 " מען האָט געמעגט עסן זויערע אוגערקעס,
געווענדזלטן הערינג". קאַגאַנאָווסקי, 4, 43. 3210

ג ע ו ו ע נ ד ט - 1. פאר פון ווענדן (זיך).

2. (אין) געווענדט - דריטפערזאניק, אצ: איז אפהענגיק. % (דאס) איז געווענדט אין עמעצן/עפעס.

צי מיר וועלן פארן צי ניט, איז געווענדט אין דעם צי מיר וועלן קריגן די וויזע. דאס באקומען די דערלויבעניש איז געווענדט נאר אין דירעקטאר אליין.

1878 " ווען עס זאל אין אים געווענדט זיין, וואלט
ער אונדז שוין לאנג ארויסגעטריבן". מענדעלע.110.16. 3220

1938 " דאס איז גישט געווענדט אין אונדז, |...|
גאר אין דער העכערער מאכט". י.י. זינגער.319.7. 3216

1948 " |...| ער האט געטאן אלץ, וואס אין אים איז
געווענדט, כדי ניט אנצורירן און ניט שעדיקן יענעמס". קאנק
נסתר. 6. 295.

געווענדט זיך - דריטפערזאניק, אצ. דזוו דפוו.

(דאס) געווענדט זיך אין עמעצן/עפעס.

1888 " אלצדינג געווענדט זיך אין מזל". מענדעלע.3.
174. קאנק. קאנק

431

ג ע ו ו ע נ ד ט ק י י ט - די. בא. (שנש) דאָס זײַן געװענדט,
אַנגעקירעװעט אין אַ באַשטימטער ריכטונג.

1947 " מיט בערגעלסאָנס פּען פּירט אָן כּסדר די סאָציאַלע
גערוענדטקייט". דאָברושין, 1, 128. 3236

ג ע וו ע ב ד(ע)ט - פֿאר פּון װענדן.



43211 — גע

281

ג ע ו ו ע נ ד ן ז י ך — ----⟸ __וועגדן זיך.__

**ג ע ו ו ע נ ד ע ר** - 1. מצ פֿון געוואַנט.

2. (עלט) בגדים, קליידער (ס׳רוב געמיינט לויז
אראָפּהענגענדיקע, אָנגפּאַרעמדיקע), צודעקן.

1920 " און לאָקערן דיך די רייכע געשטאַלטן זיינע
פֿון טויט אונטער די פּאַרביקסטע געווענדער". 3229
איינהאָרן, 4, 43.

1960 " מלכים מיט קרוינען און הייליקע אין ווייסע
געווענדער". י. פרידמאַן, 5,2. 3207

געוו – [redacted].

ג ע וו ע נ ז ל ט – ----<<u>געווענדזלט</u>

ג ע ו ו ע נ ט ל - דאס, =ער. 1. ערשטע פּקפּ פון
גערוואַנט.

2. (עלט) אַ שטיקל צײַיג, טוך בכלל.

1836 " בשעת באַדן דאַרף מען אים |דעם קינד| רייבן
3239 דאָס לייב מיט דער האַנט מיט אַ געוועגטל".
בערלאַנט, 1, 51.

רעד: אָרטאָגראַפיע מאָדערניזירט דורכן אויסשרײַבער.

ג ע ו ו ע נ ט ן - אדי, פּפּ (זן) געוואַנטן. פון געוואַנט.

% אַ געוועַנטן היטעלע. די געוועַנטענע קאַפּאַטע.

דער געוועַנטענער גאַרניטור. ער האָט אָנגעמאָסטן דעם

געוועַנטענעם מאַנטל.

1866 " דאָרטן | אין בוכאַרע | טאָר קיין יהודי טראָגן

3246 זײַדענע קליידער, נאָר געוואַנט. |...| אויף דעם

קאָפּ מוז ער טראָגן איינע געוועַנטענע היטל".

דיק, 24, 8.

1915 " |...| אַ געוועַנטענעם 'פּרינץ אַלבערט' פון

3241 פּיר אַכציק אָן אַרשין". שלום=עליכם, א 4, 164.

1968 " |...| האָבן זיי געטראָגן |...| הויכע געוואַנטענע

קאַנק היטלען. גראַדע, 7, 77.

ג א וו ע נ ט ש נ י ט - דאס, בא, פּפּ געוואנטשניט.

(עלט) שניט=סחורה, מאַנופֿאַקטור, טעקסטיל.

1861 " איך בין |...| אייך אישה, איך מיין מאנס

פאדראד=עסקים מיש איך מיך ניט, איך האב הי מיין

געוועוועטשניט, פילעווע איך מיין משא-מתן".

אקסענפעלד, 1, 81.

1904 " איך מרדכי=נתנס שניטקראַם, דאַרפט איר וויסן,

איז דאַס ערשטע געוועוועטשניט איך כתרילעווקע וואָס

דאַרטן קריגט איר אַ חוץ דעמיקיטאַן, ריפּס, ליוסטרינע

|...| און אַלץ וואָס אַ הארץ גלוסט". שלום=עליכם, 7א, 178.

|| געוועוועטשניטער - דער, =ס. פּפּ געוואנטשניטער

(עלט) שניטקרעמער, מאַנופֿאַקטור=סוחר.

גערו-438.

1815 " מעשה בחנוני אחד |...| שקורין גיוואנט=שניטע"
שבחי בעשט, ציט מ. אונגער, זש' יישפ - XXI - 1961,3|.

1867 " סענדער דעם געוועגטשניטערס טעכטערל איז |...|
שוין א היפש מיידעלע". פער 177, נ' 11, ז' 84 -!!!.

1900 " אט האט מיר גאט צוגעשיקט איינעם א געוואנטשניטער
פון בארדיטשעוו". שלום=עליכם, 7ג, 97.

ג ע ו ע נ י ג ל ע ך - אדור. (עלט) געוויינ(ט)לעך.

1836 " געווענליך פאנגען די ווייבער אן צו רעכנען

|דאס טראגן| אין צוויי וואכן פון דעם לעצטן האבן 3256

די מאנאטליכע ריינונג (ווסת)". בערלאנט, 1, 4.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש!

ג ע וו ע נ ל ע ך - <---- <u>געוויינ(ט)לעך</u>.

440/1 - גע

289

(?נ?) ▣ |געוועוען| ג י ו ו ע ה נ ן - טרוו. דערמאָנען.

.|60, XXIX. 90 פּער|

441

געור - [redacted].

?ג?    ם|געוועגק| ג י ו ר ג ק - בנב.

... " זי הטן ורייד ויל אונ' גיבויבק // זי הטן אל

2706 דש איר הערץ אי גיוונק". מגילה-ליד, ש"ש 853:854.

ג ע ו ו ע ס ע ר — דאס.ן. 1. דזוו גערויסער.

1875 " |...| כדי זיי |די פעלדער| זאלן ארויס פון
3279 די געוועסער". מענדעלע, 19, 24.
( געפינען און דערגאנצן די ציטאטע)

1929 " זייַן לעבן גייט דורך אַלע לאַבירינטן, // גייט
3276 ווי אַ געוויסער און גייט ווי אַ געוועסער".
גראס, 1, 104.

1967 " |...| מיך וועט ניט פארשלונגען אַצינד קיין
3283 געוועסער". סוצקעווער... ז' 4, 527.

2. כולל=נאמען פאַר אַלע וואַסערן (טייַכן, ימען, אַזיערעס).

1967 " ביי בבלס טייַכן און געוועסערן // זיינען
3280 מיר געזעסן |...| און געקלאָגט". קאַצענעלסאָן, 2, 131.

1967 " |...| וואַס קיניגט איבער בערג און טאָלן און
3278 געוועסער". פרידמאַן, 4, 94.

רעד: מע דארף דערגאַנצן די ציטאַטע.

ם

גיווערסיר.

1. <----

1679 " קאם זיא |די טויב| ווידר צו אים אין דען

3277 קאַשטין, דען דש גיוועסיר וואר נאך אויף דעם

גאנצין ערד". בליץ, בראשית, ח - ט.

444 - 445

292

געוו - [redacted].

געוועסערט - אדי/אדוו. (שנש?) באדעקט
(ווי) מיט וואסער; באוואסערט.

1911 " דאך שטייט זי |די פרידנס=פאלמע| איינגעבויגן //
3285 זייט לאנגער, לאנגער צייט,// געוועסערט פון
די אויגן,// פון יונג און אלטע לייט". באוושאווער,3,101.

445

|1685?| " אזו גיהערט מן אך וואול אכטונג געבן דש
567 דאש פלייש וואול גיוועסחט אונ' גיזאלצן ווערט".
דרך הישר לעולם הבא, דף לד - 2.

1768 " אונ' דוא ווערשט זיין אז וויא איין גיוועשירטער
564 גארטן אונ' אז וויא איין וואשיר קוואל".
מחזור, 3, דף קיד - ז.

444 - 445

292

געוו - [redacted].

ג ע ו ו ע ס ע ר ט - אדי/אדוו. (שנש?) באדעקט

(ווי) מיט וואַסער; באַוואַסערט.

1911 " דאַך שטייט זי |די פֿרידנס=פּאַלמע| איינגעבויגן //

זייט לאַנגער, לאַנגער צייט,// געוועסערט פון 3285

די אויגן,// פון יונג און אַלטע לייט". באוושאווער.3,101.

445

|?1685| " אזו גיהערט מן אך וואול אכטונג געבן דש 567

דאש פלייש וואול גיוועסחט אונ׳ גיזאלצן ווערט".

דרך הישר לעולם הבא, דף לד - 2.

1768 " אונ׳ דוא ווערשט זיין אז וויא איין גיוועשירטר 564

גארטן אונ׳ אז וויא איין וואשיר קוואל".

מחזור, 3, דף קיד - ז.

446

ג ע װ ע ק - דאס. בא. (שנש) דאס דויערנדיקע װעקן.

1941 " פּלוטלינג דערהער איך דורכן שלאָף א געזאנג,

2824 א צערטלעך געװעק פֿון טענער". מאניק. 5. 15.

1956 " נאָר פּלוצעם - דײַטשן! טומל און געװעק".

3291 מארקיש. 10. 292.

1965 " דער סמיך איז מײַן הארץ// מיטן קװינטל פֿון

3290 ניגון// אויפֿן גאָלדענעם טײַך // שפּילט אויס זײַן

געװעק". מאלאדאװסקי. 3. 17.

447 -
446

ג ע וו ע ק – דאס, בא. (שגש) דאס דויערנדיקע וועקן.

1941 " פלוצינג דערהער איך דורכן שלאָף א געזאנג,

א צערטלעך געוועק פון טענער". מאניק, 5, 15. 2824

1956 " נאָר פלוצעם – דייטשן! טומל און געוועק".

מארקיש, 10, 292. 3291

1965 " דער סמיך איז מײַן הארץ// מיטן קווינטל פון

ניגון// אויפן גאָלדענעם טײַך // שפילט אויס זײַן 3290

געוועק". מאלאדאוווסקי, 3, 17.

ג ע ו ע ק ט - פֿאר פון וועקן.

געווּעקס - דאָס, =ן אויך מצ דז. (עלט).

1. דזוור געוויקס.

1865 " ער האָט פֿאַרשטאַנען צו רעדן איבער די ביימער, פֿון דעם צעדערבוים |...| ביז צום איזאָפּ (דאָס קלענסטע געווּעקס) וואָס גייט ארויס פֿון דער וואַנט". פּיר 177, 3303

צ' קמ, ג' 1, ז' 8.

1911 " אַלצדינג אַרום מיר דרייט זיך און טאַנצט, עס שפּרינגען געווּעקסן אין די פֿעלדער, עס טאַנצט דער וואַלד". מענדעלע, 9 , קאַנק 1080280. קאַנק

2. כולל=נאָמען פֿאַר אַלע געוויקסן, אַלץ וואָס וואַקסט.

1875 " עס העלפֿן איר אונטער משוררים אַן א צאַל:// דאָס געווּעקס, חיות און שרצים מיט א מאָל". 3302

מענדעלע, 19, 6.

[גראָז פּיר]

1941 " און האָט פֿאַרצערט די ערד מיט איר געווּעקס". 

תרגום יהואש, דבֿרים, לב - 22. 3299

0 געווּעקסהויז - דאָס, ~ היִזער. "אָראַנזשעריע"|קטוו|.

ם גווּחשׂדא. מה"ד: Gewechste. ?נ?

... " גרש ירחים - גוּוחשׂדא וון דן מנאָט".

ר׳ייכלין 8, דבֿרים, לג - יד, |תי: געווּעקס|. 3294

ג ע ו ו ע ק ס ט - 4 פֿאַר פֿון וועקסן.

געוועקסט - אַדי, פּפּ געוועקסלט. באַוועקסט/

אָנגעריבן מיט וואַקס, ס'זאָל גלאַנצן. % דער געוועקסטער פּאַרקעט גלאַנצט.

1861 " קומט אַרײַן נחמן |...| מיט אַ גאַנצן קאַפּעליוש,

3318 |...| אין געלע נענקענע פּלודערן און געוועקסלטע שטיוול". אקסענפעלד, 2, 182.

1913 - 1916 " |...| אַז מען אַרײַנגעקומען אין אַ

3310 פּריצישער שטוב מיט געוועקסלטע פּאָדלאָגעס". שלום-עליכם, 3 ג, 150.

1936 " בײַ ראַפּאַלאָוויטשן זענען שטובן מיט געוועקסטע

3307 פּאָדלאָגעס". האַראַנטשיק, 3, 170.

געוו - [redacted].

1965 " די פּרעכטיקע געריכטע און געוועקסלטע דילן

3311 [זײַנען] פֿון נעץ און פֿון בלאָטע שוואַרץ

געוואָרן". שעכטמאַן, 1, 209.

ג ע ו ר ע ק ס ל ט I - אדי. דזוו גערועקסט, ק 2.

ג ע ו ו ע ק ס לט II - פֿאר פון וועקסלען (טוישן, בייטן).

453 גע וו ער I – דאס, =ן/ אויך מצ דז. 1. פולל=נאמען

פאר יעדן געצייג פון קאמף ביים פארטיידיקן זיך

אדער אנפאלן. % אין דער פאבריק ארבעט מען אויס ביקסן,

רעוואלווערן, גראנאטן און אנדערע מינים געווער.

דאס געווער פון פארצייטנס איז געווען די שווערד,

די שפיז. ס'איז פארבאטן צו ניצן גאזן ווי א געווער

אין מלחמה. די וועלט שרעקט זיך פאר די רעזולטאטן

פון אטאמישן געווער.

1868 "|ער| האט אונדז געוויזן זיינע פאבריקן ווו-

עס ווערט געמאכט די געווער, פולווער |...|". 3403

דיק, 38.

... " איין מאל, פאר טאג, מע קומט אים |דעם סאלדאט|

אפוועקסלען, מיין סאלדאט מיטן גאנצן געווער 3322

ליגט אין א זאק געבונדן". פרץ, 15, 61.

1935 " עס זענען שוין אויך ארויסגעשווומען די

ערשטע פופציק שיפן מיט |...| רייטוועגן און געווער, קאנק

גרייט אנצוריכטן א קריג". באשעוויס, 1, 169.

1974 " מען זאגט די רוסן ווארפן יא אראפ א ביסל

געווער, בלוט=פלאזמע און מעדיקאמענטן". 3402

עלבערג, 1, 226.

2. (פיג) מיטל אין קאמף צו דערגרייכן עפעס. וויסן

איז דאס מעכטיקסטע געווער פון מענטשן. ער קעמפט מיטן

געווער פון דער לאגיק און איבערצייגונג.

1931 " בלויז קליינקעפלדיקע ביוראקראטן פארשטייען

ניט און ווילן זיך ניט באנוצן אין זייער ארבעט 3398

מיטן שארפן געווער פון זעלבסטקריטיק".

סודארסקי, 1, 35.

1948 " א וועלט, וועלכע קוילעט די וועלט פון געוויסן,

// א וועלט, וואס בארימט זיך מיט אירע געווערן". 3479

סעגאלאוויטש, 12, 101.

1958 " שווארצמאן האט זיך ניט באנוגנט מיטן געשליפענעם

געווער פון ווארט". ניגער, 8, 17. 3370

|| געווערלאז - אדי/אדוו. (דטשמ) אן געווער,

אומבאוואפנט.

1865 "דאָך אָבער זענען די געווערלאַזע שוואַרצע שלאַף
געוואָרן און האָבן שוין ניט קיין כוח מער געהאַט קעגן 3447
דעם אומבאַרעמהאַרציקן שׂונא צו שטרייטן". פּוּר 177,
צ' קס, נ' 18, ז' 276.

געווער=אינדוסטריע - די, =ס. געווער=אינדוסטריעלער -
דער, =דן. פֿאַבריקאַנט פֿון געווער. (3א)

1952 "ראַדיקאַלע פּאָליטיקער |...| באַהויפּטן, אַז
געווער=אינדוסטריעלער |...| זענען עס די 3330
איניציִרער |...| פֿון צווישנפֿעלקערלעכע מלחמות".
י. רובין, 2.

געווער=אַרסענאַל - דער, =ן.

1954 "מיר זיינען אריין אין צווייטן לאַגער, וווּ-
ס'איז געווען דער געווער=אַרסענאַל, און האָבן זיך 3353
גענומען וואָפֿן צו גענוג". מ. האַכמאַן, יזב בעלס, ז' 596 (10).

געווער=טראַנספּאָרט - דער, =ן.

1951 " מ׳פּלעגט איינקויפן געווער ביי שיכורע דייטשן,
ביי |...| באַן=אַרבעטער, וואָס פּלעגן מיטפֿאָרן מיט די 3444
געווער=טראַנספּאָרטן". וו. שולמאַן, ~~זב ליטע I~~, 1655.
פ.ו.ר 106,

געווער=לאַגער - דער, =ן. דזוו געווער=אַרסענאַל.

געווערסקלאַד - דזוו דפּוו.

1951 " האָבן אַרבעטער פֿון די דייטשע געווערסקלאַדן
|...| גענומען |...| גנבֿענען פֿון דאָרטן געווער 3523
און אַריינשמוגלען עס אין געטאָ". וו. שולמאַן, פ.ו.ר 106,
~~זב ליטע, 1~~, ז׳ 1655.

מאַשין=געווער - דאָס, =ן. קוילן=וואַרפֿער.

1952 " מיט זייער מאַשין=געווער האָבן זיי |די
פּאַרטיזאַנער| בלאָקירט דעם אַריינגאַנג צום בונקער". 3397
מ. לאַטערשטיין, יזב ~~לובלין~~ 12, ז׳ 558.

עולמות|אוילעמעס|=געוועער - דאס, בא. "א זאך,
וואס איז שטארק, ווערט נישט אזוי גיך קאליע, צעריסן".
|זשי' ויטא, נ" 14, 1938|.

רופן צום געוועער - מאבילי זירן צום מיליטער.

לייגן דאס געוועער - אויפהערן צו מלחמה=האלטן,
אונטערגעבן זיך דעם שונא.

פרעזענטירן (דאס) געוועער - האבן כבוד א הויכגעשטעלטע
פערזאן דורך האלטן די ביקס אויף אן אנגענומען
צערעמאניאלן אופן.

קאלט געוועער - שווערד, שפיז אע (צום אונטערשיד
פון פייער=געוועער).

קורץ געווער - מעסער, קינזשאל, באגנעט.

ם
גיווער.

1. ←----

1668 " אבר דיא פריצים דיא דעגן טראגר דיא הטן אין
אירן הענדן קורצי קלייני גיווער |...|". 3334
יוסיפון, 3, דף כיט.

1743 " דש ער פר זוכט האט פון דען פאבשט דש ער אים זאל
הילף געבן קאנונין אונ' אנדרי שטרייט גיווער". 3325
שארית ישראל, דף קיב.

געוו - 459.

ג ע וו ע ר !! – דאס, בא. (עלט) דאָס געוווערן (דויערן) אַ לאַנגע צײַט; דויער, געדויער.

1819 " וואש וועשטו ענדפערן פאר הש"י וואש ער האט דיך געשיקט אין דען שטעג אונד ווארום טושטו זיך בזעצן אויף לאנג גוועער". ס׳ ישרי לב, דף יג – !. 3373

ס׳איז אַן אייביק געוועער – די זאַך וועט דינען ייער לאַנג, אויף אייביק. ס׳וועט קיין מאָל ניט קאַליע ווערן.

ג ע וו ע ר ב - דאס, =ן. מלאכה, האנטוווערק(ערײַ),
פֿאך, אויך (סאוון) האנטווערקער=אונטערנעמונג/
ווארשטאט.

1865 „ דעריבער באַט זי |די דעפּוטאציע| איטלעכן וואס
פֿארנעמט זיך |...| מיט האנדל אדער **געווערב**, 3406
זיי זאלן אויפֿמערקזאם זײַן אויף דעם אויסצוג פֿון
די געזעצן". ~~צ' קמ~~ פרו 177, נ' 48, ז' 722.

1919 „ יא=יא, איך ווייס שוין, קריג אין דײַן **געווערב**,
ס'איז דײַן פּרנסה און דײַן ברויט". פּינסקי, 240,2. 3408

1936 " אויף די געווערבן האט געהערשט די אנפערזאניקייט.
די טעכניק פון דער פיש=באארבעטונג איז געווען 3407
א נידעריקע". איבן י. פרידמאן.

0 געווערבגעלט - דאס/די, בא. |סטוטש 501|. בנב.

געווערב=חיה * |כאיע| - די, =ות (=ס). (סאוו)
א חיה וואס ניצט פאר אינדוסטריעלע צוועקן (די פעל,
דאס פלייש, פעדערן אע).

1940 " האט זיך די צאל געווערב=חיות ביי אונדז
שטארק פארקלענערט". ג. גרינבערג, ~~זש' פארפאסט~~, פֿער 157, 3413
ג' 4 - 5, ז' 142.

געווערב=פרײַהייט - די, בא. דאס רעכט צו באשעפטיקן
זיך מיט א געוויסן האנטווערק, מלאכה.

1922 " אין דער פריווילעגיע |...| איז שוין דא א
וויכטיקער פונקט וועגן דער געווערב=פרייהייט, 3422
וואס די דארטיקע יידן |פון גראדנע| האבן געקריגן".
ווישניצער, 1, 5 - 6.

געווערב=קאאפעראציע - די, בא. קאאפעראטיווע פאראייניקונג
פון האנטווערקער.

געווערבשול - די, =ן. (סאוו) פאכשול, שול ווו מע
לערנט א געוויסע פראפעסיע.

געווערבשטוב - די, ~, שטיבער. (עלט) ווארשטאט .

1965 " דאס געזעץ פון זונטיקרו, לויט וועלכן זונטיק
און חגא איז פארבאטן געווען יעטוועדע ארבעט אין 3425
קראם, פאבריק, געווערבשטוב". ~~זב ליטע~~ (107 פון) 2, 86.

געווערב=שטייער - דער, =ן. שטייער פארן רעכט צו
פארנעמען זיך מיט א געוויסער מלאכה.

געוו - [redacted].

ג ע וו ע ר ב י ש - אדי. (סאוו) אינדוסטריעל.

1931 " ארגאניזירן אין יידישן דארף אויך פארשיידענע
3414 קוסטאר=געווערבישע אונטערנעמונגען. אזעלכע
אונטערנעמונגען וועלן אן ספק דינען אלס ביי=פרנסה
צו דער לאנדווירטשאפט". סודארסקי, 1, 34.

1940 " א גרויסע געווערבישע באדייטונג אין אונדזער
3415 געגנט האט דער ווייסהאז, וועלכן מען פאנגט אין
די טויזנטער". ג. גרינבערג, ~~נש׳ פארפאסט~~, נ"4-5, ז' 123.
(פּער זלבי)

?נ? ג ע ו ו ע ר ב ל I – דאס, =ען. (דיאל) דזוו געווירבל.

1952 " געוועלבטע פּערפֿלזי־ילן קרײַזן |...| און

האָבן זיך פֿאַרפּלאָכטן אין צעפּײַערטן געבליץ פון 3416

דעם צעגליטן געווערבל". א. מ. פוקס, ~~דש׳ גק~~, פּ״ר 38,

ג׳ 16, ז׳ 38.

ם|געווערבל II| ג וו ע ר ב י ל – דאָס, שיידל פֿון

קאָפּ, שאַרבן.

1722 " און גאַט האָט בהעפט דז גוּוערבּיל פֿון קאָפּ

פון די טעכטר ציון". מנורת המאור, דף ח/ב. 3418

ג ע ו ו ע ר ב ל ע ך - אדי. (עלט) שייכדיק צו געוועוב,

האנטווערקעריש.

1864 " |...| א קלאס אויסצובילדן מיידלעך צום

3419 פראקטישן קויפמענישן און געווערבלעכן געשעפט".

ארץ, צ' קם; ג' 32 ז' 507.

פנו 177

ג ע ו ע ר ג - דאס/דער. בא. פפֿ געוואָרג. (שנש)

דאס דויערנדיקע ווערגן (וואָרגן), ווערגערײַ.

1930 " עס איז א שרעקלעכער געווערג,// אז גאָט

3427 דערבאַרעם זיך!// קרבנות פֿאַלן יעדן טאָג מיליאָנען".

איינהאָרן, 6, 69.

1938 " |...| און וואָלקנס נעמען שטיקן די וועלדער

3428 אין געווערג". לייוויק.

..........................................................

רעד: ווי אזוי געפֿינט מען די ציטאטע, צו באַשטימען

גענויער דעם מקור?

..........................................................

?נ? ם |געוועראַהאפּטיק| ג י וו ע ר ה פ ט י ק - אדוו.

דויערנדיק, דויעראַהאַפּטיק.

1676 " זילבר אונ׳ גאלד הייזר אונ׳ גערטן אלז פר

3431 גרהייט דען עז איז אלז גיט גיוועך הפטיק אונ׳

איין קארצי צייט". ברנט שפיגל, פרק 3.

469

ג ע וו ע ר ט ! - פֿאר פון ווערן (זיך) .

ג ע וו ע ר ט !! - פֿאר פּון געווערן.

ג ע ו ו ע ר ט ל - דאס, בא. (שנש) דאָס ווערטלען

זיך, אַ סך, פסדר.

1970 " |...| הער איך נאָענט=ווייט אַ מין געוווערטל".

3439 סוצקעווער, 6, 57.

|| געוווערטלערייַ - דאס, בא: |סטוטש 447|. (איר).

דזור דפוו.

1888 " ס'איז אַ קריגערייַ, א געוווערטלערייַ צווישן

קאנק ביידע צדדים: די רופן יענע 'פעפערס', פוילע |...|

און יענע גיסן, קייַכן, שרייַען: שקצים, הולטאַיעס!".

מענדעלע, 3, 187.

ג ע וו ע ר י ק – <u>אַדי/אַדוו.</u> |<u>נש. אויוו</u>|. דויערנדיק

דויערהאַפֿטיק.

4733

געוו - [redacted].

ג ע וו ע ר ל אָ ך - די/דער, = ~לעכער |סטוטש 526, שנײַדערײַ|.

טייל פון אַ מלבוש, געגנויער גנב.

ג ו ו ע ר ן I – אוטוו. דויערן, געדויערן.

% די נסיעה וועט געווערן צוויי וואָכן. די אַרבעט געווערט נישט לאַנג.

1834 " ווי איז דאש ניט גיוועזין איין פלאג פון
גאט, איין פלאט ווען די הריגה האט גיווערט אכט 3480
טאג". מעשה גדולה מן אומן.

1889 " דו האָסט מיך געשטראָפט,// דיין שטראָף האט
לאַנג ניט געווערט". מ. גאָרדאָן, 2, 64. 3435

1901 " העכער ווי איין שטונד |=שעה| האט געווערט,
איידער די געסט זיינען צו זיך געקומען". 3509
אלפּס, 3, 50.

1939 " לאַנג וועט נאָך די פינצטערניש געווערט".
טקאַטש, 3, 23. 3490

475

1965 " זאל פארצייכנט זיין דאס אין זכרון,// ווי

לאנג די דורות זאלן נישט געווערן". מאלאדאווסקי.89,3. 3506

עס וועט געווערן פון אסתר=תענית ביז פורים -

(איר) ווערטל וועגן עפעס וואס געדויערט נישט לאנג.

גיוועריז/גווערן.

.1 <----

1588 " אונ' אום ח"ו דער אוויר מעכט לאנג גיווערין,

זא וועלט איך מיך איין נייך ציהן". א פעקל בריוו 3495

|...|, ז' 64.

1686 " עז האט זיכר גיווערט מענכי יאר אונ' טאג". 3467

ס' משלים, דף טז - II.

1728 " |...| מאן איין טרענקליין דרויז אונ' טריגק

3463 אפט מאל ביסליך ווייז דא פון זוא לאנג עז גיווערט

|דער הוסט|". סגולות ורפואות, דף כב - ד.

2. אַנטקעגנקומען, נאָכגעבן, נעמען איין באַטראַכט, אויספּילן.

" גוט זול אויך ביווילגן אונ' אוייאר בעט |=געבעט|

3521 גיווארן". שמואל=בוך, סטראַפּע 1785.

1648 " אונזר גיבעט טעטן זיא גיווערן // אונ'

3465 ניט לער ווידר קערן". מגילת ווינץ, ז' 27.

1701 " ביט דוא/ונדז איין ביט |=בקשה| פר דיינם

3489 טוט וואש דוא ווילשט, אלזו וועלן מיר דיר זיא

גיווערן". מעשה=בוך, 2, מעשה ט"ה.

47

?נ? ם |געווערן| ג ו ע ר ן II - טרוו? בנב.

1732 " דא קאם איין ערלתה דיא מיך ניט גקענט האט

3437 זאגט צו מיר איך פנים אניין איך האב דירש גווערט".

פראגער פאמילען =מגילה.

רעד: אין קאַרטל איז יאָ דאָ אָן אויסטײַטש:

"גווערט=געוואַרנט". אבער כ'בין מסופק אין דעם

אויסטײַטש. מע וואלט געדארפט געפינען דעם

מקור און זען א ברייטערן קאַנטעקסט.

געווערעם – דאס, בא. מולל=נאמען פאר

פארשיידענע ווערטער, א סך ווערעם.

1910 " אריינשטעלן אין יעדער ביכערשראנק |...|

|...| א טעצעלע מיט טערפענטין, |...| וועט דער

ריח פון טערפענטין זיך גוט אנגעמען |...| פון

וועלכן דאס געווערעם וועט מוזן פון דארט

אפטרעטן". טארלער רבי, 1, 52.

ם

גווערם.

1679 " אונ' גאט מכט דיא טיר אויף ערדן נוך זיינר

ארט |...| אונ' אלר לייא גווערם אויף דער ערד 3449

נוך זיינר ארט". בליץ, בראשית, א - כה.

479

?נ? ם׳ |געווערף| ג ו א ר ף – שטײַער, ציגז.

3524 ... "סֵבל – גווערף – ל׳ מס". רײכלין 8.

מלכים א׳. יא – כח.

?נ?  ם |געווערפֿלט| ג ווערפלט – אדי. אין
קעסטעלער, גיקליבֿט.

1726 " צוואלף בלא און ווייסן גווערפלט/ טע |?|
3527 טוכער". פנקס קהלת אה"ו, כרוז פ"ו.

ג ע וו ע ר ץ - <---- געוויץ.

~~488~~ 481c

481/1

ס ג ע ו ו ע ר צ ו נ ג – די, =ען. (עלט)

דזנו געווירץ/געווערץ.

1744 " דארך מייני היפשי שיינו גווערצונג האבן

זיך דיא לייבליכי נאטורין אן גווערצט". 3539

בחיגות עולם, דף כד – II.

ג ע וו ע ר ק – דאס, =ן. 1. דער מעכאניזם אין א זייגער. % די צאנרעדלעך אין געווערק דארף מען אגיסשמירן, וועט דער זייגער ווייטער גיין גוט. דער זייגערמאכער צענעמט דאס געווערק פון וואנטזייגער.

... " זיין עובדא: אין דער פרי און פאר נאכט
3547 ארויפצוקלעטערן צום שטאטזייגער, וואס גייט אויף
א הילצערן געווערק |...| און אנדרייען".
פרץ, 15, 106.

1936 " ווער עס האט א זייגערל, מוז אים לאזן עפענען
3544 דאס געווערק און מייסטרעווען ביי די רעדלעך |...|
פדי צו דערגיין דעם שׂכל דערפון". י.י. זינגער, 49,6.

1944 " |...| די איידעלע געווערקן פון די זייגערלעך
קאנק זענען תמיד אזוי צעמזיקט געווארך". י.י. טרונק, 236,3.

2. מעכאַניזם, מאַשינעריע בכלל.

1956 " עס האָבן אויוונס דײַטשישע געוואָרט אויף זיי

3541 מיט בײַנער=מאַלנדיק געווערק". מאַרקיש, 10, 490.

1958 " כּלפּי=פּנים האָבן די אויסטײַטשער פֿונעם

3550 בירעבידזשאַן=פּראָיעקט, וואָס איז געווען געדאַכט ווי

אַ שרײַפֿל |...| אין דעם געווערק פֿונעם סאָוועטישן

פֿינפֿיאָר פּלאַן, ניט פֿאַרהוילן זייערע כוונות".

ביקל, 1, 294.

3. אויסשטאַטונג, געצײַג.

1945 " צוויי יעגער געגרייט האָבן שפּײַז און געווערק,

3548 // געגרייט זיך אַרויסגיין אויף יאַגד אין די בערג".

האַלקין, 3, 149.

רעד: כ'בין מסופּק, צי אין יידיש איז טאַקע דאָ
אַזאַ טײַטש פֿון 'געווערק', גיבער פֿון אַלץ האָט
דאָ האַלקין צוגעטשעפּעט דאָס וואָרט צוליבן גראַם...

4. (פּיג, שנש) ווערק, שאַפונג.

1953 " |...| צו מנחה, דורך וועלדער און בערג

3542 // מיט לויב צום באַשעפער און זיין אייביק געווערק".

פרידמאַן, 1, 118.

|| געווערקל - דאָס, =ער. פקפ, פון געווערק, ב 1.

1916–1913 " מיט דעם נאָגל טוט ער אַן עפן אויף דעם

3552 זייגער, |...| טוט אַ קוק אַריין אין געווערקל".

שלום=עליכם, 38, 172.

ג ע וו ע ר ק צ יי ג - דאס, בא. געצייג, אינסטרומענטן.

1938 " קיין געוועדקצייג אויף דער פור זעט מען אויך

3556 נישט, אַ סימן אַז דער פרעמדער איז נישט קיין

בעל=מלאכה". י.י. זינגער, 7, 104.

ג ע ו ו ע ר ק ש אַ פ ט - די, =ן. פּראָפֿעסיאָנעלער
פֿאַראײן פֿון אַרבעטער. % די געווערקשאַפֿט פֿון די
שניידער האָט גערופֿן צו אַ שטרייק.

1934 " אַ צימער אין דעבס' הויז. דעבס און פּעטערס,
דער פּרעזידענט פֿון די געווערקשאַפֿטן". 3560
גיסענזאָן, 5, 55.

1947 " עס איז געשאַפֿן געוואָרן דער 'געווערקשאַפֿטן=
קאַמפּיין' פֿאַר ארץ=ישראל". י. ווין, יזב טשענסטאָכאָוו, 3562
ז' 298.

|| געווערקשאַפֿטלער - דער, =ס. מיטגליד פֿון אַ
געווערקשאַפֿט.

ג ע וו ע ר ק ש ט ע ל - דער, =ן. ווערקשטעל, וואַרשטאַט.

% דער סטאָליער הובליעוועט אַ ברעט אויפֿן געווערקשטעל.

487 - 488

ג ע ו ו ע ר ק ש ט ע ל - דער, =ן. ווערקשטעל, וואַרשטאַט.

% דער סטאָליער הובליעוועט אַ ברעט אויפֿן געווערקשטעל.

324

געוועש - דאָס. 1. (באַ) דאָס וואַשן אַ גרעסערע צאָל זאַכן צוזאַמען (געטציִיג, העמדער אַד"גל).

% מאַכן אַ געוועש. די האַנטעכער זײַנען איצט אין געוועש.

1929 " דאָס שטענדיק געפּלעקטע פּנים אירס האָט איצט |...| אויסגעזען שטאַרק ברודיק, ווי אַ קויטיקע זאַך, וואָס דאַרף שוין גיין אין געוועש". 3570

אבטשוק, 1, 26.

1957 " מיר רעכענען טאַקע 45 פּיאַסטער אַ העמד, אָבער אונדזער געוועש איז דער בעסטער אין אילת". 3567

ש. בן=ישראל, ~~צ' פאַר~~ פֿון 155, XII/23.

1962 " איר'ט קריגן בײַ מיר דרײַסיק דאָלאַר אַ וואָך מיט עסן און געוועש". פּ. רודאַי, ~~צ' פאַר~~ פֿון 155 XI/25. 3569

רעד: געפֿינען אַנדערע ציטאַטן, פֿון דער ליטעראַטור.

2. (בא, זך) דאס וואשן (זיך) סתם.

1941 " דיינע ציין ווי א סטאדע שאף, וואס קומען

3565 ארויס פון געוועש". תרגום יהואש, שיר=השירים, ו׳ -1.

1943 " זיינען יענע פרויען |...| אין באד אריין

קאנק געטריבן געווארן, זיי זאלן אויסזען פריש, נאר

וואס פון געוועש". נסתר, 5, 242.

3. ( מצ געוועשן) א פעקל זאכן וואס זיינען (געווארן)

געוואשן צוזאמען. % דאס געוועש אין שוין טרוקן.

די דינסט האט שוין צעפרעסט דאס גאנצע געוועש.

1846 "דערנאך גייט די פרוי און טראגט אף דאס גוועש

3564 דעם שיף מאן". פאוויר, 1, דף ח - ב - ד.

1968 " איינע צעשווענקט א קליין געוועשל גרעט,

3572 איינע שיירט אויס דעם סאמאוואר". קיפניס, דשי כתו 131,

~~סאור׳ הימלאנד~~, נ׳ 6, ז׳ 46.

**רעד:** קריגן נאַך ציטאַטן!

17 **ער גייט ארום אין איין געוועש** - שפּאַסיק אויף איינעם וואָס עסט אַ גאַנצן טאָג (שטענדיק אַ געוואַשענער צום עסן).

**ער האָט אַ העמד אין געוועש** - שפּאַטיש אויף איינעם וואָס וואַשט זיך ניט צום עסן.